STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03078

A SHLEKHTE FROY

Isaac Meir Weissenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03078-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657030780T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

י. מ. ווייסענבערג.

א שלעכטע פרוי

און אנדערע ערצעהלונגען.

פארלאג „די צייט“

ווארשע 1921.

נאָכדרוק פֿערבאָטען.
אַלע רעכט פון איבערזעצען
געהערען דעם מחבר. —
Copyright 1920
by Sol Schaikewitz
New-York.

DRUK.J.WAGMEISTER.NALEWKI №7

איִנהאַלט:

אַ שלעכטע פרוי — — — — 7

אַ יונגע אלמנה — — — — 38

חתונה מאַכען — — — — 52

די באָבעשי'ס אָבהיִטען — — — — 64

אַין ערוואַרטונג — — — — 75

קליינע שטעדטלעך — — — — 99

דיִ ערשטע רייזע — — — — 125

אַ חוב — — — — — 147

א שלעכטע פרוי.

א שלעכטע פרוי.

(ערצעהלונג):

אהרן האט ערוואכט פון שלאף, און ליעגענדיג אויף דער סאפע זיך א קעהר געטהון מיט'ן פנים צום פענסטער. די האלבע לבנה קוקט צו איהם אריין בלייך און פערטראכט, שטעהענדיג אין טונקעל-בלאהען הימעל צווישען די זילבערנע שפראצלעך, — קוים בלישצענדע שטערענדלעך. ארום איז שטיל. פון צוויטען צימער הערט זיך דעם זייגערס איינזאמער טיק-טאק... און דא אין שטוב ווערען די וועגד אלץ טונקעלער, זיי האבען שוין, דאכט זיך, קיין ממשות נישט און זענען צוזאמענגעוועבט פון א גרויען און א טיעפען נאכט-קאליער; און פון אונטערן נאקעטען באלקען לויערט שוין די שטילקייט פון דער טונקעל-גרויער נאכט.

אהרן שטעהט-אויף פון דער סאפע, געהט צו צום פענסטער און מאכט דאס אויף.

— „און וואו איז זי?" קוקט ער אין מארק אריין, — „וואו זענען זיי ביידע? אפשר ביי'ן פאטער איהרען?..."

ער געהנעצט טיעף אב און געהט אוועק פון פענסטער, אריינשטעקענדיג די האנד אין בוזעם-קעשענע. ער נעהמט ארויס

אַ פּאַפּיראָס, און זוכט ווײַטער אין די קעשענעס — „נישט דאָ!... קיין שוועבעלע אויך נישט"...

און איהם ערגערט דאָס און ער לויפט אַרײַן אין צווײַטען צימער. זוכט אויפ'ן טישעל צווישען בײדע בעטען, געפינט אָבער נישט. ער לויפט צוריק אין שטוב און זוכט איבער דער קיך — נישטאָ, קיין שוועבעלע אויך נישט!

„און וואו קאָן זי זײַן אַזוי לאַנג? דער טאַטע דאַרף זי דאָרט נויטיג?! וואָס אַ נקבה קאָן!..."

ער לויפט אַרויס פון שטוב, צוקלאַפּענדיג די טהיר הינטער זיך.

באַלד קומט ער צוריק אַרײַן מיט אַ פערראויכערטען פּאַפּיראָס אין מויל. ער צינדט-אָן אַ שוועבעלע און אין שטוב ווערט רויט-ליכטיג.

דער לאָמפּ שטעהט אויף דעם אַנדערן פענסטער, נעבען וועלכען עס שטעהט אַ טישעל און דערויף אָנגעוואָרפען העמער-לעך און צוועגנלעך. ער צינדט-אָן דעם לאָמפּ און שטעלט איהם אַנידער אויף דעם טיש, וואָס אין מיטען שטוב.

ער וואַרפט אונרוהיג אַ בליק און בלײַבט שטעהן, ווי פערטראַכט.

„אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג?..." מורמעלט ער און געהט ווײַטער אַרויס פון שטוב.

באַלד קומט ער צוריק מיט אַ מײדעל אין אַ קרעטאָנענע בלוזקעלע, הויך ברוסטיג, מיט געזונטע פולע באַקען און מיט אַ בלאָנדען קאָפּ האָר פערלעגט אויף צוריק.

בײדע קוקען זיך אָן בלײַבענדיג שטעהן אין מיטען שטוב, און ער בעט זי:

— איך לויף נאָר אַריבער צו'ם שוועך, שיק איך זי באַלד; אַ טאָמער טרעף איך זי נישט לאָז נישט די שטוב אַליין, זײַ אַזוי גוט...

פלוצלונג מאַכט זיך אויף די טהיר און אַ דיקליכע יודענע מיט אַ געזיכט פון אַ טערק, מיט אַ געשטריקט קאָפּקעלע אויפ'ן קאָפּ בעוויזט זיך אויף דער שוועל. זי טהוט אַ פינקעל מיט די אויגען און רופט מיט אַ גראָבער מאַנסבילשער שטימע.

— איידעל, איידעל, קום נאר אריין, איך דארף דיר עפעס האבען...

דאס מיידעל שארט זיך צוריק צו דער טהיר. בלייבענדיג שטעהן פאר דער יודענע ווי א פערזינדיגטע מיט ארא־בגעלאזטע אויגען.

אהרן בליקט אונרוהיג:

— שפרינצע! וואס איז?... איין מינוט נאר...

— איין מינוט נאר?... טאקע? נישט מיין מיידעל!... — טהוט זי א חאפ איידלען ביי'ן ארבעל און א שלעפ ארויס פון דער טהיר.

אהרן בלייבט א רגע ווי צומישט. פלוצלונג טהוט ער א שפרונג, און שטעקט ארויס דעם קאפ דורך די אפענע טהיר.

— דו אלטע קאזאצקע! — רופט ער אויס.

— און דערלעב נישט עלטער צו ווערען! — הערט זיך פון דארט אנ'ענטפער און באלד דערויף א קלאפ מיט א טהיר...

אהרן בלייבט שטעהן ווי אבגעהאקט אין דער מיטען מיט אנ'אפען מויל און אויגען, וואס פלאמען פאר כעס.

„אזא אלטע קאזאצקע, — טענה'ט ער שוין צו זיך, אויס־דרעהענדיג זיך מיט'ן פנים צו דער שטוב — אזא זעלנערישע קאזאצקע!"

ער פערמאכט די טהיר און נעהמט געהן איבער דער שטוב אויף און אב, שטארק צוטראגען:

„איינשפארען גאר ווערט זי מיך! קרענק אזוי לאנג, רבקה'לען דעם קאפ אפילו זאל מען דיך ארויס'גנב'ענען!..." לויפט ער צו צו דער טהיר.

ערווארפט אבער א בליק אויף די שטוב. דאס פענסטער איז אפען... געהט ער צוריק פערמאכען. און דערנאך זעצט ער זיך אוועק אויף דער סאפע.

א ווײַלע איז שטיל.

די טהיר מאכט זיך אויף, און זיין פרוי, רבקה'לע, מיט זיין שוועסטער דבורה, א מיידעל פון א יאהר צוואנציג, וואס איז גע־קומען צו גאסט, זענען אריין אין שטוב.

— ביזט עפעס א מבין, ווי לאנג איך האב מיך געזוימט?

— טענה'עט רבקה'לע גלאט אין דער וועלט אריין.

— צי איך בין א מבין? — חאפט אהרן אונטער מיט א

בייזען שמייכעל — האָ, האָ, האָ, — — ציִ איך בין אַ מבין ?...

— — זעה נאָר צו, זעה נאָר... — בלייבט זי שטעהן אין מיטען שטוב, אָנקוקענדיג איהר מאַן אין פּנים אַריין — גלייך עס טענה'ט דאָ עמיצער צו איהם. ס'איז איהם שוין עפּעס געפלויגען איבער דער נאָז...

— זאָלסט פליהען און פליהען, אַז עס זאָל דיך די חאָלערע טרעפען וואו דו שטעהסט! און מיט שפּרינצען אינאיינעם !...

— חאַ, חאַ, חאַ... — צולאַכט זי זיך אויף אַ דין קול'עכעל, אומקוקענדיג זיך צו דבורה, דבורה'לע, ביסט חאָטש אַ מבין'טע אויף די רעד, אויף דעם משוגענעם'ס רעד ?

— ביזט חאָטש אַ מבין אויף דעם געלעכטערעל, דבורה ? — פרעגט אויך אַהרן — דו בעמערקסט חאָטש, וואָס דאָס געלעכטער'ל איז ?...

— וואָס, דיר געפעלט דאָס נישט, אַהרן'לע ? — פרעגט רבקה'לע ווייך — אָבער עס שטעכט דיך ?...

— ווער דערשטאָכען, דערפאַר וואָס דו קאָנסט אַוועקגעהן פון דער היים אויף אַזוי לאַנג !

— און בדַוְקָא וועל איך מאָרגען אויך געהן. אמת, דבורה'לע ? מאָרגען וועלען מיר אויך געהן זיך באָדען אין טייך ? און דו, — ווענדט זי זיך צוריק צום מאַן, — שטעך דיך פאַר צרות.

— זאָל דיר שטעכען און ברעכען !

— און פלאַצט דיך די גאַל... בע... און וואָס מאַכט דאָס גאַלעכעל ?... — שפּילעוועט זי איהם אין די אויגען אַריין אַנטקעגען שטעהענדיג מיט אַ שמייכעלע אין פּנים.

— געה ! וואָרום איך מאַך פון דיר אַ תל ! שפּרינגט אַהרן אויף דער סאָפע מיט אַ ווילד געשריי, אויסשטעלענדיג אַ פויסט קעגען איהר פּנים און די אויגען זיינע פלאַמען און דאָס געזיכט איז אָנגעצונדען.

אַ שטילקייט האָט די גאַנצע שטוב פערגליווערט און מאַן און ווייב קוקען זיך אין די אויגען מיט צומישטע בליקען...

ער קומט דאָך צו-זיך. אָטהעמט ליכט אָב און לאָזט צוריק אַראָב די האַנד. ער דרעהט זיך אוים, מאַכט אַ פּאָר טריט און שטעלט זיך ווייטער אָב, אָנקוקענדיג זי פון ווייטענס.

ביי'ם טייך ביסט דו געווען, אַזוי לאַנג געזעסען. האָסט דו

שוין געדאַרפֿט אַלץ איינס אַריבערגעהן איבער דער בריק צו די קאַזאַרמעס. וואָלסט דו חאָטש געזעגנט אין קאַזאַרמע, אָדער אונטערן בערגעל, וואָלט איך געוואוסט פֿאַר וואָס איך זיץ, אַז פֿערפֿאַלען, ביזט נישטאָ, אַ סוף!...

זי ענטפֿערט נישט, נאָר קוקט זיך איבער מיט דבורה׳ן:

— וואָס שטעהסט דו נאָך, דו נאַר דו?... לעג אַוועק, מיט די וועש אין פֿאַרטוך, זעהסט דו דאָ? די נחת פֿון דער שוועגערין?...— פֿרעגט זי מיט אַ בחמנות אין קול, ווי איינע וואָס דאַרף מן הסתם אָבקומען פֿאַר אַן׳ עונש. נאָר אַהרן חאַפּט אונטער מיט אַ ווילדען שמייכעל.

— זעהסט, דבורה, זעהסט דאָס צדיק׳ל?... וואָס פֿאַר אַ כשר פּנים׳ל!...

דבורה טהוט נאָר אַ קוועטש מיט די אַקסלען און געהט אַוועק מיט די וועש אין פֿאַרטוך אין צווייטען צימער.

זי קומט באַלד צוריק.

אַהרן איז אַרויס פֿון שטוב און רבקה׳לע זעצט זיך אויף דער סאָפֿע, די האַנד אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע:

— נו, וואָס זאָגסט דו חאָטש צו דער כפּרה, דבורה׳לע?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפֿערט זי שטיל, זעצענדיג זיך נעבען איהר.

— זעהסט חאָטש די נחת? דאָס האַלט מען שוין ב״ה צוויי יאָהר נאָך אַ חתונה, איז מען דאָס אויף אַזאַ אופֿן געקלאָגט. זאָג, דבורה׳לע, האָב איך נישט געמעגט אויסגערונען ווערען ביי דער מאַמען אין בויך? כּדאַי אויף אַזאַ מין חתונה צו האָבען?...

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, די היציגער איז ער שטענדיג, נאָר מיט דיר, האָב איך געמיינט, איז ער אַנדערש...

— אַנדערש?... אַנדערש?... האָט רבקה׳לע אָבגעזיפֿצט

— נאָר דעם רשע גיט מען דעם ווידעל... טהוט אַלדעס ביין... און פֿון וועמען לערנט מען זיך דאָס אָב? פֿון די הולטייעס, אַפּי׳ צערען! פֿרעסט און זויפֿט מיט זיי טאָג און נאַכט, פֿילט זיך זיין מיט טרפֿות, אויסגעפֿילט, אויסגעטיטשעט איז מען מיט קעלבאַס —דערצו זעהט ער דאָך ווי אַזוי זיי, די הולטאַיעס טהוען מיט די שיקסעס, די טליקעס... נו, איך בעט דיך, דבורה׳לע, פֿאַר וואָס

זאָל ער נישט טהון אַזוי מיט ן ווייב, ווי דער זעלנער מיט דער טליק?

— אַזאַ גוט לעבען האָבען דאָ אַפּיצערען מיט יודען?

— מיט יודען, יאָ!... וואָס, דיין ברודער איז אויך אַ יוד?... ווער ס'איז אַ יוד, ווי אַ יוד עס דאַרף צו זיין, לאַכען זיי טאַקי! קאָנען נישט אָנקוקען, — אַודאי מיט ר' לייבעלע דיין'ס זוהן ווע־לען זיי נישט האָבען קיין עסקים. נאָר דיין ברודער, פערשטעהסט מיך, האָט אַ טרפה'נע זעעל, אַ גוי איז ער, נישט קיין נשמה נאָר אַ רוח, — זיי אַליין זאָגען דאָך: אַראָן, טי חאַראַקטעראָ ואָיוסיע ניע פאָחאָדיש נאַ יעווריאַ... פערשטעהסט דו שוין? דער שורש, קינד־לעב, ציהט — — —

— מילאָ, דיין טאַטע אַליין האָט דאָך איהם געמאַכט אַנ' איינגאַנג אין די קושאַרען...

— אַזוי?... וואויל ווי די וועלט! הייסט עס, דאַרף מיין טאַטע אויך נישט בעסער זיין, ווייל ער איז דאָך אויך תמיד מיט זיי, אַ פּאָדראַטשיק... גער זשע נאָר שבת־צו־נאַכטס הערען מיין טאַטען הבדלה־מאַכען, מיין טאַטענס זמירות, שבת ביי'ן טיש... ווייבער שטעהען דאָך אונטערן פענסטער... אַ יוד בלייבט אַ יוד. און אַ גוי איז באַלד אַ גוי!

דבורה פערשווייגט, קוקט איהר אין פנים אַריין, וואָס שפּילט אין אַלע פאַרבען און אין די אויגען, וואָס גלאַנצען מיט אַ מין צוגאָסען פייערעל.

— נאָר וואַרט, — הייבט רבקה'לע ווייטער אָן — עס איז איהם נאָך נישט געשוויגען די היינטיגע נאַכט. דו זעהסט, אָה? רוקט זי אַ פאָר די האַנד פון אונטערן פנים און מיט אַ פינגער ווייזט זי אָן אויף די האַנדפלעכע — דאָ אָה, מוז זיין גאַל ליעגען, דאָס גאַלעכעל מוז דאָ צוריבען ווערען!... — ענדיגט זי מיט אַ נגונ'דעל פול פון בייזקייט און אין די אויגען בלישצעט אַ פייערעל פון נצחון.

— מיין דאַגה...— קוקט זי דבורה אָן — ווי דו פער־שטעהסט...

רבקה'לע האָט שוין מעהר נישט גערעדט אַ וואָרט, נאָך העכער זיך אַרויפגערוקט אויף דער סאָפע, אויסגעצויגען דעם קערפער, און דעם קאָפּ מיט'ן האָרשייטעל אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנד. און געקוקט פערטראַכט אינ'ם פייערעל פון לאָמפּ אויפ'ן

טיש . דאָס לענגליכע פּנים האָט זיך געריוטעלט , די אויגען האָבען געגלאַנצט ווי בעגייסטערט , און אַזוי שטיל , רוהיג , ווי זיי וואָלטען נאָך עפּעס בענקען . . .

אין אַ ווײַלע אַרום שטעהט זי אויף , און געהענדיג צו דער טהיר פון צימער לאָזט זי פאַלען עטליכע ווערטער , אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַרײַן : — ווילסט נעהם דיר אַרײַן דאָס בעטגעוואנד . .

דבורה האָט אַרײַנגעבראַכט פון צווייטען צימער אַ קאָלדרע מיט אַ קישען , אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער סאָפע , דעם לאָמפּ עטוואָס אַראָבגעדרעהט און געלעגט זיך שלאָפען .

שפּעטער קומט אהרן אָן .

— דבורה . . . — געהט ער צו שטילערהייד קוקענדיג איהר אין בלאַסליכען רונדליכען געזיכט און אין די אויסגעשטעלטע שוואַרצע אויגען — עס שלעפערט דיך ? . . .

— ניין . — ענטפערט זי אַרויסלעגענדיג אַ נאַקעטע האַנד איבער דעם צודעק .

— וואָס האָט זי געזאָגט ? . . . — גיט ער אַ ווינק אויף די טהיר פון צימער .

— וואָס זאָל זי זאָגען ? . . . אַ שענעם דאַנק דיר ? . . .

— איך מיין — זי האָט עפּעס גערעדט ?

— איך ווייס ? . . .

— וואָס האָט זי געזאָגט ?

— אַז דו ביסט גערעכט . . .

— מאַכסט חוזק ?

— וואָס־זשע פרעגסט דו ?

— גלאַט , זי מוז שוין זיין ברוגז ? . . .

איך ווייס דען נישט , מיינסט דו , אַז זי איז גערעכט ? וואָס איז אַ זי האָט מיך איבערגעלאָזט אַ ביסעל אין שטוב ? זי זיצט דאָך תמיד ? . . .

— אַודאי , איז זי גערעכט .

איז אַהרן האָט זיך פערטראַכט מיט אַ ביסעל אַ פערזונקען געמיטה אויפ'ן געזיכט .

— נו , געה שוין שלאָפען , לאָמיך שוין געמאַך — טהוט דבורה'לע אַ שמייכעל — ביסט נאָך זעה איך דער אייגענער משוגענער .

ער גלייכט זיך אויס , און אַרומקוקענדיג זיך איבער דער

שטוב, ווי ער וואלט געוואלט עפּיס געוואר ווערען און נאך וואר־פענדיג א לעצטען בליק אויף דעם ברענענדיגען לאמפּ געהט ער אוועק צו רבקה'לען אין צימער.

אין א ווייליע ארום קומט ער צוריק ארויס בלאס, די אויגען קוקען א ביסל צורודערט, און מיט א שטיל קול זאגט ער דבורה'ן:

-- געה נור אריין, בעט מיר דאס בעט, זי פיהרט שוין זעה איך מיט מיר א ברוגז'ל...

— וואס זי שלאפט נאר נישט?..

— די חאלערע ווייסט זי, געה אריין וועסט די זעהן...

דבורה חאפט אויף זיך דאס האלבע קליידעל און געהט מיט איהם גלייך אריין.

ער צינדט אן א שוועבעלע און זי דערזעהט — ביידע בעטען שטעהען ביי די וואנד פערבעט. אין איינס, אין סאמע ווינקעל ליגט איין איינגעטוליעט גופ'ל אין קליידער און אין די שיך און דאס קליינע קעפּיל איז איינגעקארטשיט צווישען די אקסלען, אויס־געדרעהט מיט'ן פּנים צום קאפּין־ברעטעל און מיט די הענד פער־דעקט, ווי צו ליכטבענשען...

— רבקה'לע — רופט דבורה'לע — וואס ליגסט דו עפּיס? האסט דאך נאך נישט געבעט און דו ליגסט שוין...

רבקה'לע טהוט זיך קיין ריהר נישט.

דבורה טהוט א קוק אויף אהרנען און ער אויף איהר מיט א שטילען אויפגערעגטען צער.

דבורה געהט צו נעהנטער, לייגט צו דאס אויהער, צי אט־העמט זי חאטש...

— זי שלאפט... קוקט זי זיך איהם צו אהר'נען.

— זאל אויף איהר קומען א שווארצער שלאף. — טהוט ער א קריץ מיט די ציינער — שטעה נישט, דבורה נעם בעט דאס בעט.

דבורה האט איהם אויסגעבעט שלאפען און איז אריין צוריק אין דער פארענדיגער שטוב.

פריה־מארגען. דבורה דרעהט זיך ארום אין שטוב, בארוועס, אין בלויזען האלקעלע, רויטע אבגעלעגענע באקען. ווי ערשט אויפגעשטאנען פון שלאף, און די האר נאך צולאזט איבער די אקסלען. זי זעצט זיך אויף א שטוהל, פערלעגט א פוס אויף א פוס, דאס לייכטע האלקעלע ווערט אריינגעפאלבט טיעף אין דער

מיט אין זי נעמט זיך פוטצען בריה'שדיג א קאמאש.

דערווייל מאכט זיך אויף די טיהר פון צימער און רבקה'לע רוקט זיך אריין אין שטוב, די קליידער איהרע זענען צוקנייטשט און צודרעהט, דאס לענגליך פנים איז בלאס, ערנסט און זויער, מיט ברוגז'דיגע אראבגעלאזטע ברעהמען, און זי שארט זיך צו מיט א זייט צום פענסטער, רוקט זיך צו א שטוהל און זעצט זיך. די האנד אונטערגעשפארט אונטער'ן פנים און קוקט אויף דער קעגענאיבערדיגער וואנד...

באלד קומט אויך אהרן אריין. ער ווארפט א בליק אויף איהר געהענדיג צום קיבעל וואסער, וואו ער נעהמט זיך אבוואשען,

דבורה טראגט איהם אונטער א האנדטוך. ער ווישט זיך בית־אכטענדיג דערביי רבקה'לען פון קאפ ביז די פים. און די אויגען שפיעלט איהם א בייזער שמייכעל.

ביין אפווקנעהן, שוין האלטענדיג די קלאמקע אין דער האנד, ווענדט ער זיך צו דבורה'ן:

— דבורה, קאך אב קאווע אויף דער מאשינקע און ברייננ איבערבייסען, געלד ליגט דארט אין חדר אויפ'ן טישעל.

— קאווע... — לאזט זיך רבקה'לע הערען, — א וועהטאג אין זולל וסובא'דיגען גארגעל אריין איז נישט גענוג, הא, דבורה'לע ווי מיינסט דו? — קוקט זי איהר אין די אויגען אריין.

דבורה שווייגט.

— אבער ווער טענה'ט צו דיר? דו זויער שלימזל! — בייזערט זיך אהרן.

— נו, נו, — רעדט רבקה'לע — זויער און ביטער וועט איהם שוין ווערען דאס לעבען, ער וועט שוין וויסען, וואס א זויער שלימזל קען... ווי אזוי זי געהט אונטער'ן בערגעל ארונטער צו די קאזארמעס... דער טרפה'נער ביין! מן הסתם טליק ט ער זיך דארט ארום נאכט ביי נאכט גלייך מיט די אפיצערען, מיט די זעלנער!

— דבורה, הארך נישט... קאך קאווע! -- האקט ער אב און געהט ארוים פון שטוב.

יא, קאווע,... קאכען אין האלז וועט עס איהם שוין! — דערענדיגט זי שוין צו דבורה'ן.

דבורה רופט זיך נישט אב. אין שטוב ווערט שטיל.

דבורה נעהמט אראָפּ אַ קערבעל פון איבער דער קיך און נעהמט געהן צום צימער. רבקה׳לע דערזעהט דאָס, שפּרינגט אויף און פערלויפט איהר דעם וועג. זי וואַרפט זיך צו׳ם טי-שעל אין צימער און צוטומעלטעהייט טהוט זי אַ חאַפּ דאָס געלד, אַ וואָרף זיך צום פענסטער און אַ שליידער אַרויס...

די מטבעות צופליעהען זיך איבערן מאַרק.

— נאַ, אַצונד געה קויף!... טהוט זי אַ פּאַטש צונויף ביי-דע הענד און אין די אויגן שפּיעלט אַ נקמה-גיפטיטיגער שמייכעל.

דבורה קוקט איהר גלייך אין די אויגן אַריין, נישט רע-דענדיג קיין וואָרט.

— און דו מיינסט, אַז שוין? — הויבט רבקה׳לע וויעדער אָן?... שלאָגען וועט ער מיך, ווי אַ זעלנער די טליק! שוין אָבגעקומען מיינסט דו?

— איך מיין גאָרנישט... איך גלויב דיר — ענטפערט דבורה פערביסן — איך זעה, מען קאָן זיך אויף דיר פערלאָזען.

— ווען אַזוי קאָן ער זיך באַלד העלפען. זאָל ער מיר, מעגסט דו איהם זאָגען, וואַרפן אַ גט צו די פיס.

— איך. איך קאָן זאָגען?,, פון מיינעט וועגען...

דבורה קעהרט זיך אָב און געהט אַרויס אין דרויסען הינטערן פענסטער, זי קלויבט צונויף די מטבעות און געהט אַוועק אין מאַרק אַריין.

רבקה׳לע איז אַריין אין שטוב און זיך צוריק געזעצט אויף איהר אָרט.

דבורה האָט געבראַכט זעמעל פון מאַרק. נאָר קיין קאַווע האָט זי שוין גישט געקאָכט.

באַלד קומט אַהרן אָן, און שטעהענדיג נאָך אויף שוועל וואַרפט ער אַ בליק אויף די קיך. ער בעמערקט אויך באַלד רבקה׳לעס פּאָזע, און ער קוקט זיך איבער מיט דבורהן אויף שטום לשון.

אהרן מאַכט אַ פּאָר טריט, נאָר אין מיטן שטוב בלייבט ער שטעהן ווי אָבהענדיגג, און נישט היימליך ווערט איהם. ער פיהלט זיך ווי אַ פערד אויסגעשפּאַנטערהייט אָבער אָט שטעלט ער אָן די בליקען אויף רבקה׳לען, די ליפּען קרימען זיך שוין ביי

איהם און האלטען זיך א ווײַלע, נישט אפען, נישט צו, ווי זיי וואלטען וועלען האפען וואג.

— זעהסט ווי זי זיצט, די מאטקא באסקא ?...

רבקה׳לע שווײַגט, געהט ער שוין צו נעהנטער.

— זאג, אדרבה. האסט שוין געזעהען א זוינס, ווי דו ביסט, אין גאנ׳ן קרוין פוילען ?...

זי שווײַגט ווײַטער און זײַן שטימע ווערט בײַזערדיג:

— בין איך קיין יוד נישט, אויב ס׳איז דא א חבר צו דיר !...

זי שווײַגט.

— זאג, מאטקא באסקא. — בעט ער זיך כמעט — ס׳מוז דאך עפיס זײַן ?...

— זאל איהם דער נאמען אויסגעמעקט ווערען! — ווארפט זי זײַטיג א בליק, און דרעהט זיך אוים מיט׳ן פנים אין פענסטער ארײַן.

אהרן קוקט זיך איבער מיט דבורה׳ן, טהוט א ציה מיט די אקסלען און ווענדט זיך ווײַטער צו רבקה׳לען:

— זאג, וואס וועט מיט דיר זײַן ? — קוים האט ער די ווערטער ארויסגעלאזט, זי טהוט שוין א שפרונג־אויף פון ארט און ענטלויפט אין צימער דערלאנגענדיג הינטער זיך א שטארקען זעץ מיט דער טהיר.

ער בלײַבט שטעהן ווי אנ׳ אב׳געחוזקטער, און קוקט נאך אויף די טהיר מיט אנ׳ אפען מויל און ארויסגעגלאצטע אויגען — א בלי דאס איז — שאקעלט ער נאך מיט׳ן קאפ ווי פערוואונדערט.

ער טהוט אקוק אויף דבורה׳ן און ווײַזט מיט א האנד אויף דער טהיר.

— נו, זעהסט שוין, וואס דאס איז פאר איינס ? — פרעגט ער, צוגעהענדיג צו איהר. — און וואס, מיינסט דו, דארף איך זי ? אויף א גוטע כפרה ! די קאווע דעסגלײַכען... נאר גלאט, מען קומט ארײַן אין שטוב, איז די שטוב מיט דיר ברוגז... נו איז דאס עפעס ניהה ? זעהסט דו אה, אין גאס וועל איך מיר ליעבער טרעפען מיט צעהן שונאים, איידער אין שטוב מיט איהר אליין... מיט יענע, פערשטעהסט דו מיך, אבגעקריגט, אבגעהרג׳עט — א סוף; מען קומט זיך שוין מעהר נישט אויף די אויגען! און דא מיט איהר, — אויסגעריסען זאל זי ווערען! שטענדיג איז זי דיר

אין די אויגען, שטענדיג מיט אַן אַנגעבלאָזענקייט, שיעסט נאָר מיט שטעכהערטלעך... וואָרום זי רעדט דאָך נישט קיינמאָל אַ וואָרט ווי אַ מענש... נאָר אַזוי שפּיציג גיט זי דיר זייטיג אַ וואָרף אַ ווערטעל... און איז זי אין גאַנצען ברוגז, איז נאָך ערגער. קאָן איך איהר דען קוקען אין שטילען פּנים אַריין?... מיין דאגה! ריק איך מיך אַראָב דעם דאַשעק איבער די אויגען: טרעפט דיך די חלערע, ליגז זיך מיר דאַכטען, ביסט געשטאָרבען! — האַקט ער אָב און געהט אַריין אין צימער.

רבקה'לע ליעגט שוין איינגעטוליעט אין ווינקעל-בעט מיט'ן פּנים צו'ם קאָפּען-ברעטעל. ער בלייבט שטעהן פאַר'ן בעט מיט אַ'ן אויפגערעגטען בליק.

— זאָג, מוזט דאָך עפּיס ווען? דיין הונד בין איך?!

זי שוויינט, און אויף זיין געזיכט צוגיעסט זיך אַ וועהטאָג און פערדרוס.

— הערסט דו.. — זאָגט ער דורכדרינגענדיג זי מיט'ן בליק — איך האָב געמענט בעסער די פּאָפּלעקציע קריגען, איידער איך האָב דיך דערקענט!

— קריעג... — ענטפערט זי לייבט, און גיעט אפילו נישט קיין דיהר מיט קיין אויג.

— הער זשע! איך וועל דיך אויך איבערקומען! מיט עפּעס שטאַרקערס פאַר דיר האָב איך שוין געהאַט צו טהון...

— מיט'ן העמד אויפ'ן לייב..

— נאָר אַזאַ חלערע האָב איך נאָך נישט געהאַט!..

— האָב.

— קרענקסט דו אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דו ביסט נאָך נישט מיין ווייב!

— קרענק.

— מיין ווייב! נאַ דיר, זעהסט דו, אַ ווייב!

— אַרים אין לייב.

— זי ווייס, זעהסט דו, נישט פערשווייגען..

— ווער שטום. —

— פאַר וואָס, ווייל דו ביסט אַזאַ גוט ווייב?

— אַ ווייב?.. — קוועטשט זי צו אַיין אייגעל — האָסט דאָך שוין רבקה'לען, וואָס דאַרפסט דו שוין מיך?... געה צו

איהר! די קאַווע קאָכען האָסט דו דאָך אויך איהר געהייסען...

— נו, הייס איך דיר קאָכען מיטאָג...

— מיר? נישט מיר! מען קען זיך שוין בעגעהען אָהן מיר..

— האָטש פלייש ברענגען...

— לאָ'מען דיך אויפהענגען! איך וועל דאָך נאָך ווייטער פערקריכען אונטערן בערגעל?

— ווי אַלץ שטעהט אַזוי פערשריבען אין בוך ביי'ן איהר!.. און אַזוי האָב איך געזאָגט? אַזוי האָב איך געמיינט?...

— איך זאָל אַזוי וויסען פון דיר...

— עס האָט מיך פערדראָסען, וואָס דו האָסט מיך איינגעשפאַרט, אָבער ווייטער...

— געהט מען אַוועק פון דער היים. דאָס האָב און גוטס, וואָס די האָסט געבראַכט פון דיין היים, וואָלט מען נישט צוויסגעגנב'עט...

— אָט דאָס איז די זאַך, זעהסט דו מיט דיר צו טענה'ן...

— איך ווייס נישט ווער עס שלעפט איהן ביי'ן קאַרק?... — ענטפערט זי שוין זיטיג.

— אָבער וואָס טויג מיר דאָרט?... וואָס ליעגסט דו? האָסט שוין היינט עפּעס געגעסען?

— מיין געטרייער מאַן... עס זאָל דיר אַזוי ניחא זיין דיין לעבען, ווי מיינס איז מיר ניחא.

— ווער הייסט דיר?

— זעהסט? ער ווייס דאָך נאָך גאָר נישט...

— נו, ליעג נישט, ליעג נישט. — ריהרט ער זי אָן מיט דער האַנד ביי'ן אַקסעל.

— נעהם צו! — וואַרפט זי א בייזען בליק — מאַך בעסער א פויסט!...

ער קוקט זי אָן, האַלטענדיג די האַנד אויף איהר און שווייגט.

— וואָס פאַר א פערשטאָכענע אויגען דאָס האָט נאָך! — שהוט זי זיך אַדרעה אַרויס פון אונטער זיין האַנד.

ער מהוט א שמייכעל און זי מאַכט זיך אַראָבגעלאָזט די נאָז און קוקט אין קישען אריין... זיין געזיכט ווערט מיט א מאָל העלער, אויסגעליטערט, און גכביש גליקליך שטראַהלט זיין בליק אויף איהר געזיכט.

ער נעהמט ארויס א פאפיראס, און פערדרייבערט.

זי הייבט אויף דעם בליק:

— נו, הכלל, ליעג שוין נישט, — שמייכעלט ער צו איהר. זי לאזט צוריק אראב דען בליק און שווייגט.

— איך געה היייסען דבורה'ן ברענגען עפעס עסען, — רוימט ער איהר איין, איבערבייגענדיג זיך איבער איהר און ריהרט זי ווייטער אן ביי'ן אקסעל, נאר זי טהוט זיך ווייטער אדרעה ארויס פון אונטער זיין האנד און שווייגט מיט א ברוגז'דיג פנים.

— איך געה הייסען געשווינד אבקאכען מיטאג. — לעהנט ער ווייטער אן די האנד אויף איהר — וועסט עסען, יא? — טהוט ער זי א רודער'

— איך ווייס נישט ווער עס בעט איי'ן ער זאל צו מיר טענה'ן? — זאגט זי ווי אין דער וועלט אריין.

— דו. — שמייכעלט ער.

— איך? — טהוט זי זיך אווארף, און א דרעה אוים מיט'ן פנים צו'ם קאפען-ברעטעל.

ער טהוט א קוועטש מיט די פלייצעס און שטעהט א ווייל ווי אבהענדיג. דערנאך געהט ער אריין אין שטוב.

דבורה זיצט אויף דער סאפע, פערלעגט די הענד איבער'ן הארצען און קוקט אויף אהרן'ען, וואס געהט צו איהר צו מיט עפעס אנזאגענדיגע אויגען:

— דבורה — מאכט ער — דו וועסט געהן ברענגען פלייש, קאכען מיטאג.

— איך וועל קאכען — — נאר זי... וואס טהוט זי?

— גארנישט. זי האט שוין היינט עפעס געגעסען?

— גארנישט. איך האב געבראכט איבערבייסען, ליעגט עס...

— און דו?

— איך, — יא.

— נו גאנץ גוט — נעהמט ער ארויס געלד, — נא, געה ברענג נאך, איך האב נאך היינט אויך נישט געהאט אין מויל. זאלען מיר אזוי ביידע נישט קראנק זיין. נאר ברענג פריהער א גוטען הערינג, מאך מיט עסיג, אפשר וויל זי דערווייל עפיס עסען...

ער קעהרט זיך צוריק אום צו דער טהיר פון צימער, קוקט אריין און רופט:

— רבקה'לע ענטפערט נישט, און ער געהט צו צוריק צו דבורה'ן, וועלכע שטעהט שוין גרייט מיט דעם קוישעל אין דער האנד.

ביידע זענען ארויס פון שטוב.

מיטאג צייט. אין שטוב איז שטיל. אהרן זיצט ביי'ם טיש, דעם קאפ געזונקען, און די פינגער פויקען עפיס צו שטילערהייט. ביי'ם פענסטער זיצט רבקה'לע, אונטערגעשפארט די האנד אונטער דער גאמבע, און קוקט אויף דער וואנד מיט פערוואלקענטע, אויסגעשטעלטע אויגען. אין דער זייט, ביי דער קיך, שטעהט דבורה און גיעט אויף עסען.

אויפגעגעבען אין דריי שיסעלעך, לאזט זי זיי שטעהן אויף דער באנק פאר דער קיך. דעקט דעם טיש און טראגט צו דאס עסען.

אהרן גיט דבורה'ן א ווינק אויף רבקה'לען.

— רבקה'לע... — הייבט זי אן, צוגעהענדיג צו איהר — רבקה'לע, ס'איז שוין אויפגעגעבען...

זי שווייגט, און אהרן קוקט מיט ארויסגעגלאצטע אויגען:

— טפו! — טהוט ער א שפיי אין דער זייט געהענדיג מיט דעם שטוהל הינטער זיך און נעהמט געהן איבער דעם שטוב אויף און אב. די הענד פערלעגט אויף דער ברוסט און דעם קאפ אראבגעלאזט.

די שטוב איז נאך שטילער געווארען אונטער די זעצען פון זיינע האסטיגע טריט.

פלוצלונג הייבט ער אויף דעם בליק און בלייבט שטעהן קעגען רבקה'לען:

— איך האב געזינדיגט!... נו, נא! נעהם! שעכט מיך! — טהוט ער א כאפ דאס מעסער פון טיש און שטעלט עס איהר קעגען פנים.

— ביסט דאך א מבין, דבורה'לע, — קוקט זי זיך אום

מיט אַ שמייכלענדיג פּנים — זעהסט האָטש ווי דאָס חזיר רייסט דעם זאַק און קוויטשעט...

ער אָטהעמט שווער אָב, לעגט צוריק דאָס מעסער און זעצט זיך.

— גיב אַהער דאָס עסען — זאָגט רבקה'לע דבורה'ן — ווען איך האָב דאָ אָבצוטהון!...

דבורה דערלאַנגט איהר דאָס שיסעלע צום פענסטער. און נעהמט אַליין אויך באַלד עסען גלייך מיט אַהרן'ען.

נאָך דעם עסען שטעהט רבקה'לע אויף, ווישט זיך אָב דאָס מויל מיט'ן פאַרטוך און נישט אומקוקענדיג זיך, געהט זי אַרויס פון שטוב.

— נו ווי געפעלט דיר אַזוינס? — קוקט אַהרן דבורה'ן אָן

— וואָס?

— אַט זעהסט דאָך, דאָס זייטיגע אַרויסגעהן...

— ווי זאָל מיר דאָס געפעלען?..

— אַ... דו ווייסט נישט... דאָס איז שוין עפּעס אַ שפּיצעל, איך קען זי גוט, אוי קען איך זי!... שאָקעלט ער צו מיט'ן קאָפּ.

דבורה קוקט איהם שטיל אָן. און פּלוצלונג טהוט ער זיך אַ הייב פון שטוהל:

— האָסט דו געהערט, דבורה? אַז איך וויל, האָב איך זי טיעף אין דר'ערד!

ער הייבט זיך אויף, וואַרפט אַראָב די קאַפּאָטע פון זיך. און זעצט זיך צום קליינעם טישעל מיט די געצייג עפּעס טהון נעהמט עפּעס פיילען און קוקט זיך אַלע ווײַלע אום צו דבורה'ן.

— שען, הייסט עס, אַ נקבה זאָל מיך אַרומפיהרען פאַר'ן נאָז?... אַ רוח אין איהר האַרץ אַריין!

עמיצער קראַצט ביי דער טיהר. זי עפענט זיך, און אַ וואַסערטרעגער מיט צוויי עמער וואַסער שטופּט זיך זייטיג אַריין.. נאָך איהם קומט נאָך רבקה'לע און זי הייסט איהם אַנידערשטעלען די עמער ביי דער קיך.

אַהרן און דבורה קוקען פערוואונדערט און זי לויפט אַרויס פון שטוב, זוימט זיך אַ מינוט און קומט צוריק מיט צוויי גרויסע אייזערנע טעפּ און שטעלט זיי אַנידער פאַר'ן וואַסער-טרעגער.

ער גיעסט זיי אָן פול. עס בלייבט נאָך וואַסער; שטעהט

איף דער קיך נאָך צוויי טעפּלעך, — חאַפּט זי זיך, שטעלט אונטער און ער לעריגט אוים די רעשט פון די עמער.

דער וואַסער־טרעגער איז אַרויס פון שטוב און זי נעהמט פערנאַנדערברענגען אַ פייער אונטער דער קיך. לעגט האָלץ אויף האָלץ און עס פלאַקערט, קנאַקט און זיטשעט.

אהרן וויל שוין גאָר נישט וויסען, זיצט ער אַריינגעטהון אין דער אַרבייט; אויך דבורה אויף דער טאַפּע מאַכט זיך נישט וויסענדיג.

ברכה׳שדיגער, פערטוהענער ווי תמיד, פערקאַכט און פערוויטעלט דאָס פּנים, לויפט רבקה׳לע אַרום פון ווינקעל צו ווינקעל, פון שטוב אין צימער, פון צימער ווידער אין שטוב, זוכט און ברענגט צונויף קופּקעס מיט גרעט, אָנוואַרפענדיג דאָס פאַר דער קיך, זי דערלאַנגט אַהאַפּ אַ טאָפּ וואַסער אויף דער קיך אַרויף, נאָך איינעם און נאָך איינעם, צושאַרט די פייערקעס, צו־רוקט און לאָזט אַראָב די טעפּ צום פייער, זי טהוט נאָך אַ מאַך איף דאָס טהירעל, אַ קוק אַרונטער און וואַרפט האַסטיג צו אַ העלצעל. חאַפּט ווייטער די טעפּ, דרעהט, הויבט פון איין פייערקע אַרויס אין די אַנדערע אַריין, עס ברענט אונטער די הענד, דאָס פּנים פלאַמט און אין די אויגען גלאַנצט אַ בייזער שמייכעל, אַ ניעדעריגער, פערבעהאַלטענער מיין.

פאַרנאַכט איז שוין רבקה׳לע געשטאַנען אין אונטער־קליידעל און אין בלויזען העמד, די אַרבעל פערקאַלערט ביז אונטער די אָרעמס, און געוואַשען דאָס גרעט. שטעהענדיג איבערגעבויגען איבער אַ באַליע מיט הייסען וואַסער, פון וועלכער עס געהט אַ לייכטע פּאַרע אין רבקה׳לעס פּנים אַריין, זי רייבט, זייפט, האַ־רעוועט מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

אהרן שטעהט שוין אָנגעטהון די קאַפּאָטע נעבען דער טהיר מיט דעם מיין אַרויסצוגעהן. ער קוקט אויף רבקה׳לען, וויל עפּעס זאָגען, און שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה.

— רבקה׳לע, — הייבט ער שטיל אָן — וואָס האָסט דו אַוועקגעיאָגט דבורה׳ן פון זיך? זי וויל דאָך דיר העלפען, טויג נישט?

רבקה׳לע איז פערטיעפט אין דער אַרבייט, און ער רוקט זיך צו נעהנטער:

— רבקה'לע, צי איז דאס פאר דיר אן ארבעט? ביסט דאס געוואוינט?...

— געטריי גאר געווארען פלוצלונג — רעדט זי צו זיך, — איך ווייס נישט, ווער עס בעט איה'ן?

ער חאפט אן דאס שטיקעל גרעט אין איהר האנד:

— גענוג געוואשען!

— נאך! — רייסט זי זיך ארויס, אבשפרינגענדיג מיט אן אויפגעפלאמט פנים.

ער מעסט זי אב מיט א קאלטען בליק פון אויבען ביז אראב.

— לאז דיך טרעפען די ערשטע חאלערע, רויטער טשוואק! — פיהרט ער זיך אלאז צו דער טהיר און לויפט ארויס.

— זאל דיר דער נאמען א היים קומען! — שרייט זי איהם נאך, און נעהמט זיך ווייטער צו די וועש.

און געוואשען האט זי ביז שפעט אין דער נאכט און אויף מארגען — נאך א גאנצען טאג. זי האט די ערשטע די לאדענס געעפענט און באלד זיך צו דער באליע געשטעלט. געקראכמאלעט, געבלויט, און ארויסגעהאנגען צו'ם טריקענען. און א גאנצען טאג האט זי זיך ברויגז'ליך געפיהרט, דבורה'ן אויף די אויגען נישט צוגעלאזט, — זי דארף נישט איהר הילף, — און צו אהרנ'ען מיט דעם רוקען געשטאנען, — זאל זי איהם אין פרצוף אריין נישט קוקען, — און ער האט זיך א גאנצען טאג געדרעהט אריין און ארויס פון שטוב און נישט געקאנט זיך קיין ארט געפינען.

פארנאכט האט רבקה'לע אריינגענומען די וועש פון דרויסען און אנגעווארפען זי אויף דער סאפע. דערווייל איז די נאכט צוגעפאלען און זי האט דעם לאמפ אנגעצונדען.

דער נאך האט זי גענומען אבגעקליבען אביסעל וועש באזונדער און פערבונדען אין א ליילעך. מיט א טוך אין איין האנד און דעם לאמפ אין אנדערער געהט זי אריין אין צימער, וואו אהרן און דבורה זיצען. זי נעהמט צונויף דאס געטגעוואנד פון איהר בעט און פאקט עס איין אין טוך. אהרן און דבורה קוקען זיך אן פערוואונדערט, און זי — גארנישט... קוקט זיך אום איבערן צימער, ווי זי וויל זיך אן עפיס דערמאנען, און אזוי שטעהענדיג ווענדט זי זיך צו דבורה'ן מיט א זיס שמייכעלע:

— זעהסט, דבורה'לע? אצונד לאז איך דיר שוין אב מיין

אַרט אין גאַנצן, פֿעגסט שוין אַפֿילו זײַן װײַב אויך װערן, איך פֿרעגט איהם שוין אָב . . .

— װי הײסט ? — קוקט זי דבורה אָן.

— גאָרנישט, איך גײה מיר אהײם צום טאַטען . . .

— דאַרפֿסט דו מיר געבען אַ מאַן ? װעל איך װעלען, װעל איך קריגען אָהן דיר אויך, און טהו מיר נישט קײן טובה !

— דיר אַ טובה ? ... איך מײן נאָר מײן טובה..

— הער נאַר ! — רופֿט זיך אהרן אָן מיט אַ געלאַסענהײט— טהו װאָס דו װילסט און דערצעהל נישט קײנעם קײן מעשיות. קײנער פֿרעגט דיך נישט.

— אז נישט, דערצעהלט מען איהם ! װעמען עס איז דאָ דאָ צו דערצעהלען ...

— אָבער זעהסט שוין, דבורה, — האַקט ער איבער — האָב איך דיר געזאָגט ? זעה־זשע מײן קוק... אַ גאַנצען טאָג זאָג איך דיר, אז זי שפּיצט שוין עפּים אויס ! ...

— אַ װדאי אַזוי — שמײכעלט רבקה׳לע גוטמיטהיג — און װעמען עס געפֿעלט נישט, זאָל ער צופּלאַצט װערען קוקענדיג.

— װער צופּלאַצט. — ענטפֿערט ער.

— װאו נעהמט מען אַ טרעגער ? — דרעהט זי זיך אוים מיט׳ן פּנים אויף דער שטוב, פֿרעגענדיג אַן׳עצה גלאַט אין דער װעלט אַרײַן.

— מילא, פֿיהר, פֿיהר אוים. — שאָקעלט ער צו מיט׳ן קאָפּ.

— אַ פּנים, עטיצער פֿרעגט איהם אַ דעה ? — װענד זי זיך לאַנגזאַם צו דבורה׳ן — דבורה׳לע, רוף מיר אַ טרעגער.

— זי איז נישט קײנעס׳ס משרת׳טע, — לאָזט אהרן דבורה׳ן נישט אויפֿשטעהן.

— גײה איך אלײן — ענטפֿערט רבקה׳לע, פֿאַמעליך אַרויסגעהענדיג פֿון צימער.

און אַ װײַלע אַרום קומט זי צוריק מיט אַ טרעגער, — אַ הויכער יוד מיט אַ ברײטע באָרד, אין אַ בלויזען לײַבעל און מיט אַ שטריק אַרום גאַרטעל.

— גוטן אָװענד. — זאָגט דער יוד, קנײַצענדיג די אויגען קעגען ברענענדיגע לאָמפּ אויפ׳ן טישעל. קײנער האָט איהם נישט

געענטפערט. רבקה'לע לויפט צו צום פעקעל בעטגעוואנד, בעקוקט דעם קניפ און פרובט'ן, צי איז ער פעסט.

— וואס קוקסט דו? — פרעגט אהרן מיט האס — האסטו מורא, מען האט דיך בעגנב'ט?...

— און נאר ער העקעלט זיך צו מיר! — טהוט זי זייטיג א זאג — שווארץ יאהר וויסען איהם, ווער עס טענה'ט צו'ן איהם! ווי געפעלט דיר דבורה'לע? ס'ביסל בעטגעוואנד איז איהם אויך צו גרויס אין די אויגען; נאקעט וואלט ער געוואלט זאל איך אהיים געהן!

— געוואלט וואלט איך?... הייסט עס, ווען איך וויל אזוי, וואלסט דו עס גענומען?

— ר' משה, — טהוט זי א רוף דעם יוד — נעהמט דאס פעקעל!

דער יוד קוקט אמאל אויף איהר, אמאל אויף אהרנ'ען, און אין זיינע אויגען זעהט זיך א פערלאנג עפעס צו פרעגען.

— וואס שטעהט איהר, איהר ווילט נישט פערדינען?

איך וויל — ענטפערט ער, — נאר...

— וואס, נאר? — חאפט זי אונטער, — וויל ער איז א גזלן? איהר האט מורא פאר איהם. — ווייזט זי אן מיט א האנד אויף אהרנ'ען.

פון די לעצטע ווערטער ווערט אהרן ווי אנגעצונדען.

— מ!! — טהוט ער א ברום — וואס טהוט מען מיט אזא קאלבאסניצע?! וואס טהוט מען, וואס טהוט מען?!

דער יוד טהוט זיך א רוק ארויס פון דער טהיר, רבקה'לע מאכט א טריט, וויל איהם נאכלויפען, האלט זיך אבער צוריק בלייבענדיג שטעהן קעגען אהרנ'ען פנים צו פנים, אויג אין אויג...

דבורה שפרינגט אריין אין דער מיט, צודריקענדיג זיך צו זיינע קניע, אננעהמענדיג איהם פאר די עלענבויגענס, און שרייט אויסער זיך:

— זיין אהרן, זיין!

— לאז געמאך, דבורה, לאז געמאך, — נעהמט ער זי אן ביי די הענד — גאר נישט... דו זעה בעסער, ווי זי שטעהט שוין אויף די שפיץ נעגעלעך.

— זיין, זיין

— אַ גאַרנישט דאָס איז! ווער קען מיט איהר אויסקומען? אז זי בלייבט אַ גוטעטשקע פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַרן יוד אויך... איך בין אַ גזלן, דאָס ווייזט, הייסט עס, ווי מען שרעקט זיך פאַר מיר... נאָר זי נעבעך איז אַ פערפאַלענע... צרייגעפאַלען אין מיינע הענד...

— אַ קלאָג זאָל איהן טרעפען, ווי ער קען צושפּרייטען אַ זאַך... פלאַמט איהר דאָס געזיכט, וואָס דען בּיסט דו, נישט קיין גזלן? און אַ זעלנער אויך! און ווילסט, איך זאָל אויך זיין אַזוי... איך — אַ טליק און דו — אַ זעלנער, פריהער מיט'ן קוש, דערנאָך מיט דער פויסט!

— פריהער מיט דעם קוש?... שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ — עפּעס אַ סך האָב איך דיך שוין געקושט?

— חאַ, חאַ, חאַ! — שפּיעלט איהר דאָס גערל אין די אויגען — אַ מערכה, — איך לאָז מיך.

— אַזוי... אַזאַ מערכה האָסטו דו?... זאָן לאָ'דיך טאַקי טרעפען די ערשטע חאַלערע פאַרן שמייכעל דיינעם!...

— און אויף די פויסט — ציהט זי ווייטער — האָב איך מיך אויך נישט געוואָלט לאָזען, נאָר ווער האָט אַזוינע גזלני'שע פויסטען?

— פויסטען פעהלט איהר גאָר! פון אַלעם, זעהסט דו, גיב איהר נאָר פויסטען, וואָס אַ נקבה קאָן איינפאַלען! — שאָקעלט ער צו דבורה'ן מיט'ן קאָפּ.

— נו שוין, נו, לאָז שוין זיין גענוג — בעט דבורה.

— אַ נישט, ווער רעדט? זאָל זי טהון, וואָס זי וויל. וואַשען, איז וואַשען, נישט קאָכען, איז נישט קאָכען, אַהיים צו טאַטען געה... נו טאַקי נו, ווער האָט אַ דעה?

— אַוודאי נישט. און איך וועל טאַקי געהען צום טאַטען, בע... וואָס מאַכט דאָס גאַל'עכעל? און עס וועט באַלד זיין צו'ן אַנדערער טרעגער.

— אפילו פונפציען! איך מיט דיר האָב שוין סיי ווי פיי געענדיגט, אונזער רעכענונג איז אויס... דו געה דיר צום טאַטען, און איך בין אויך נישט קיין זעלנער, אפילו ביי'ם סאַמע טייוועל...

— און אַ ווייב? — שמייכעלט זי.

— דאָס איז שוין מיין זאַך.

— אונטער דער קאַזאַרמע?...

— און זײַן זאָל ...

— איך װײס, מען קריגט ... מאַכט זי שױן אַן'ערנסטער מינע, צולײגענדיג אײן פֿינגער צום נאָמבע — אַזױנע אָרענטליכע מענשען קריגען.

— איז גוט ...

דבורה זעצט זיך צוריק אױף איהר אָרט און בײדע קוקען זיך שױן גלײַך אָן.

— און אין דער אמת'ן — הײבט זי װײטער אָן — װאָס אַ װײַב, אַנ'עול, אַז אַ טליק איז אױך געגוג? ... װאָס ביסט דו, דען מעהר יחסן װי דער זעלנער?

— אַגעשעפֿט, אַבי מען קריגט, פֿערשטעהסט? ... און מען קושט אױך, און מען קריגט צוריק געקושט אױך? ..

— אַ קלאָג האָב איך צו דײַן קאָפּ — מאַכט זי מיט אַ שמײכעל איהם מיט די הענד איבער'ן קאָפּ — ברענג דיר, חאַטש, אַ מאָל אַ הײם ... לאָ'מיך די זכיה האָבען צו זעהן ... אפֿשר װעל איך מיך אױך אױסלערנען קושען

— און װער װעט זײַן ברוגז?

רבקה'לע פֿערשװײַגט. זי האָט זיך װי דערמאָנט אָן עפּעס, און דער שמײכעל איז צוריק פֿון פּנים פֿערשװאונדען ...

— נו װאָס שװײַגסט דו? ... װיל ער צוריק דערחאַפּען.

— מיט װעמען מען האָט דאָ צו רעדען, זעהסט דו!

— װאָס, איך בין נישט װערט?

— זי שװײַגט, שאָקעלט מיט דעם קאָפּ, װי מען בעדױערט אײנעם.

— זאָג פֿאַר װאָס? — בעט ער זיך.

— דערפֿאַר ...

— װײַל איך בין נישט גוט?

— אַ שאלה? די הענד מעגען דיר אָבגעריסען װערען ...

— װעל איך שױן זײַן בעסער.

— זעהסטו אָה, דעם הונר אין דרױסען מעג מען גיכער גלױבען.

— מאַכען אַ צלם פֿאַר דיר? שטעלען זיך אױף די קניע? ...

זי שװײַגט מיט אײן אַראָבגעלאָזט פּנים, טרעט אָב

אונטערוויילעכּס אַ פּאָר טריט, און זעצט זיך אויפ'ן בעט הינטער דבורה'ס שטול.

— ער שווייגט אויך און קוקט אויף איהר. ענדליך טהוט ער אַ רוף:

— דבורה, גיב נאָר אַ קוק דאָרט אין שטוב. די פּושקע פּאַפּיראָסען האָב איך געלאָזט אויפ'ן טישעל...

דבורה שטעהט אויף און געהט.

— דבורה, דבורה — רופט ער צוריק — נאַ, נעהם דעם לאָמפּ, וועסט נישט געפינען אַזוי...

ער טראָגט איהר אַנטקעגען דעם לאָמפּ, און געהט אַריין אין שטוב צום קליינעם טישעל צו...

זוכט, זוכט, און געפינט נישט. זי וואַרפט נאָך אַ בליק אויף דעם גרויסען טיש אויך, און קעהרט זיך צוריק מיט דעם לאָמפּ אין דער האַנד. זי דריקט אָן אויף דער קלאַמקע, — די טיהר איז צו — — —

אַ רגע שטעהט זי, ווי אָבהענדיג, נאָר באַלד קומט זי צו זיך, לאָזט לאַנגזאַם נאָך די קלאַמקע און טראָגט זיך אָב אויף די שפּיץ נעגעל, שמייכלענדיג פאַר זיך . . . .

שפּעטער אַ ווײַלע איז אהרן אַריינגעקומען מיט צוויי קישענס און מיט דער קאָלדרע, און מיט אַ שײַנענדיג פּנים איבערגעגעבען עס דבורה'ן.

דבורה האָט אַראָבגעדרעהט דעם לאָמפּ און האָט זיך גע־לעגט שלאָפען.

אויף מאָרגען איז אַהרן אויפגעשטאַנען פריה. רבקה'לע איז געשלאָפען אַ ביסל לענגער.

דבורה זיצט ביי דעם טיש און בייסט שוין אָן.

רבקה'לע געהט אַריין, מײַדט זי אויס מיט די בליקען און געהט גלייך צו דער קיך.

די מאַשינקע איז אויפגעשטעלט, קאַווע קאָכט זיך אין אַ פּענדעל און די פאַרע שווינדעלט און הויבט זיך איבער דער קיך.

רבקה'לע גיעסט זיך אָן קאַווע און זעצט זיך צום טיש קעגענ־איבער דבורה'ן.

— די קאַווע וועט קאַלט ווערען, און מען זעהט איהם ניטאָ ... — רופט זיך דבורה אָן.

— ווי געטריי זי איז איהם — רעדט רבקה'לע ווי פאַר זיך, קוקענדיג אין גלאָז אַריין — אַ קלייניגקייט, אַזאַ ברודער ...

— איך בין ניט געטריי, ער האָט געהייסען קאָכען, און עס ווערט קאַלט.

— ער האָט געהייסען? ... ווערסט דו דאָס מיטאָג אויך קאָכען, אַז דו ביזט יאָ אַזוי געטריי!

דבורה שווייגט, זי ווייסט, אַז עס איז אויף אַ שטאָך, און רבקה'לע שטעלט אַוועק דאָס לעדיגע גלאָז און געהט אַוועק פון טיש.

רבקה'לע וואַרפט אַ בליק איבער דער שטוב און ווענדעט זיך צו דבורה'ן:

— די איבעריגע טעפּ דאַרף מען צוריק אַריינטראָגען ... דער מיט די צוויי אויערן, — ווייזט זי מיט אַ האַנד אין ווינקעל קיך, — איז פריידעלס, דער אַנדערע — שפּרינצעס.

אָבגעזאָגט, געהט זי צוריק אין צימער.

דבורה נעהמט די טעפּ און געהט אַרויס פון שטוב.

דערווייל קומט רבקה'לע צוריק אַריין און באַלד איז דבורה אויך דאָ, און דערציילט, אַז שפּרינצע קנייפּט זיך די באַקען אויס. — דער גאַנצער טאָפּ איז איהר איבערגעפיהרט, דאָס גע־גלעז איז אָבגעשפּרונגען.

אין דער אייגענע רגע פּלאַצט אויף די טהיר און די גראָבע שפּרינצע מיט'ן צופּלאַמטען טערקישען פּנים, די קופּקע אַנגערוקט, טהוט מיט אַ ניגון אַ שטעל־אַריין דעם טאָפּ איבער דער שוועל:

— עס זאָל אַזוי מיינע שונאים שטעבען און ברעכען, ווי מען האָט מיר מיין טאָפּ צושטאָכען און צובראָכען! — שרייט זי אויס און טהוט באַלד אַ קלאַפּ־צו די טהיר.

דבורה און רבקה'לע קוקען זיך אָן מיט שטומע בליקען, נעהמענדיג זיך בעטראַכטען דעם טאָפּ.

דערווייל קומט אהרן אָן.

ער דרעהט זיך איבער דער שטוב און קוקט אַלע ווייל אויף רבקה'לען, ער וויל עפּיס זאָגען, צי פרעגען, נאָר זי איז פערטהון מיט'ן טאָפּ.

— דבורה, גיעב די עסען! — רופט ער.

דבורה האט דאס טישטיכעל און דעקט צום טיש. רבקה'לע מיט דעם טאפּ אין דער האנד געהט ארויס פון שטוב, אָפּענלאָזענדיג די טהיר נאך זיך. און הויז קעגענאיבער עפענט זיך א צווייטע טהיר, און אויף דער שוועל שטעהט איהר שוין אקעגען, פנים צו פנים, שפּרינצע די בעל-הבית'טע פון טאפּ.

— שפּרינצע, — הייבט רבקה'לע גלייכגילטיג אן — וואס [illegible]פט איהר מיר עפּעס צו דעם טאפּ.

— וואס? טרעף — וואס? ... זאָלסט האָבען א סך צו קאָכען!

— איהר זענט גרעבער און דארפט מעהר צו עסען!

— זאַלץ אין די אויגען, פעפער אין די נאָז, שטיינער אויפ'ן הארץ און א שפּיז אין בויך... צעהלט שפּרינצע אויס ווי א מעשה גלאט אין דער וועלט אריין — וואס! זעה נאר די פּריצטע, — הייבט זי אויף דעם מאן — זעה נאר, א טאפּ צופלאצט, מיינט זי, ס'וועט איהר זיין געשוויגען!

— צופלאצט? צי איז ער נישט אזוי געוועזן?

— אזוי שווארץ, אזוי אָבגעריסען? געה דיר געזונדער-הייט, וועסט אָבקויפען!...

— דער איז אויך א נייער?

— נו ודאי, האסט'ן אזוי צופלאצט!

— אזוי וואהר זאָלען מיינע שונאים ווערען חושך, ווי — נישט.

— אזוי וואהר זאָלסט דו, — ווערט שפּרינצע אָנגעצונדען, און שאָקעלט צו מיט די בענטש-הענד איבער רבקה'לעס קאפּ, זאָלען מיינע שונאים ווערען שווארץ ווי א קויל, ווי — יאָ!

און ביידע ווייבער שפּרינגען זיך אין די אויגען אריין מיט אָנ'אָנגעצונדענעם כעס; רבקה'לע לאָזט אָב דעם טאפּ און הייבט אויך אויף די הענד איבער שפּרינצעס קאפּ. א שטורם פון ברעגענדיגע קולות און יללות האפּט זיי ארום און די געוואלדען מישען זיך צונויף, איינע די אנדערע וויל איבערשרייען און די קולות ווערען העכער און שטארקער, ביז רבקה'לע קריגט א שטויס-אראָב פון דער שוועל און עס פליעהט איהר נאך דער טאפּ הינטער דער פערקלאַפּטער טהיר. זי פרובט רייסען, ברעכען די קלאמקע און שרייט:

— שפרינצעלע, אבער וועמעס מאמען האט מען געשמיסען אין דער פאוסטאניע? שפרינצעלע, הא?... און זי לאזט אב די טהיר, און לויפט א צומישטע אויף דער גאס קעגען איבער שפרינצעס אפענעם פענסטער. שכנים לויפען זיך אן און עס ווערט א גאנץ רעדעל מיט רבקה'לען אין דער מיט, וועלכע שרייט אין פענסטער אריין.

— שפרינצעלע, הא? וועמען האבען זעלנער געשאסען נאקעטערהייט איבערן גאלען?...

— אבער דיין מאן, — שרייט שפרינצע פון פענסטער ארויס, — האב איך ארויס געיאגט?... ער האט זיך אריינגענומען מיין מיידעל? אבער ד'האב איהן ארויסגעיאגט?...

— אבער ער האט איהר אנגעפאטשט אונטערן קלייד פאר דיר אין די אויגען?...

— אזוי וואהר זאלסט דו געפאטשט ווערען פון גאט! רבקה'לע! דאס פלעשעלע רויטס צומארגענס אונטער די פלאכטע רבקה'לע, רבקה'לע! די גאנצע שטאדט וויים!

און רבקה'לע טהוט זיך אווארף ווי א שלאנג און דרעהט זיך ארויס פון רעדעל, און חאפט א שטיין פון דער ערד און מעסט זיך אן קעגען פענסטער מיט אנ'אויפגעהויבענער האנד. נאר ווייבער בעפאלען זי און זי ראנגעלט זיך, דאס הארשטייטעל רוקט זיך ארונטער, און עס זעהען זיך ארויס עטליכע צעהנדליג איינענע האר אויפן קאפ... און זי רייסט זיך און ווארפט זיך, און מען האלט זי:

— רבקה'לע, אין גאלען קאפ. אין גאלען קאפ!... טומלען די ווייבער מיט דערשראקענע פנים'ער. און זי ווערט ווי אבהענגדיג, לאזט אב דעם שטיין און חאפט אן דאס שייטעל. זי שטעהט א ווילע א צומישטע, און לויפט פלעצליך אריין צו זיך אין שטוב.

די שטוב איז לעדיג, לויפט זי דורך מיט א געשריי אין צימער אריין, וואו אהרן און דבורה זענען.

— בעהאלטען זיך?... בעגעגענט זי איהם מיט א פלאמענדיג געזיכט — איך וועל מיך דאס מיט דער גאנצער וועלט אויסשעכטען פאר דיינעטוועגען? זי האט דיך געחאפט, וועט זי דאס זאגען מיט דער מויד איהרער?...

אהרן נעהמט נישט אראב קיין אויג פון איהר.

— און וואָס נאָך האָט זי געזאָגט ?.. בייסט ער זיך די ליפּען

— אַז זי האָט דיך אַרויסגעיאָגט ?...

— און דו האָסט נעבעך געשוויגען ?.. דו שטילס !

— געענפערט, אַז מיין מאַן זאָל זיין די כפרה פאַר כל ישראל !!

— אַוועק ! — טהוט ער אַ ברום, אָבמעסטענדיג זי מיט אַ שאַרפען בליק, און געהט אַרויס אַ צוקאָכטער אין שטוב.

— זעהסטו, דערשלאָגען זאָל ער ווערן — קוקט זי איהם נאָך אין דער אָפענער טהיר, צולעגענדיג אַ פינגער צום פנים.— דאָס ווייב צו שלאָגען איז ער אַ בריה...

— אָננעהמען זיך פאַר דיר? קעהרט ער זיך צוריק א ם, קוקענדיג איהר אין פנים אַריין.

— פאַר מיר? טפו זאָלסט דו ווערען ! — טהוט זי איהם אַ שפּיי גלייך אין פנים אַריין.

ער טהוט אַ ציטער פאַר כעס, און לאָזט איהר אַראָב אַ פּעטשיל, און זי מוט אַ פערשטיקטען ברום פאַלט איהם אַריין מיט די נעגעל אין געזיכט און מיט די צעהן אין בערדעל אַריין. ער טהוט זי אַ כאַפּ ביין האַלז, און—אַ קוועטש !

— אוי ! — טהוט זי אַ ריס-אַוועק דען קאָפּ און ער טהוט זי נאָך אַ שטויס פון זיך און טרעט אָב צום טיש. זי וואַרפט זיך נאָך ווי אַ שלאַנג, שפּרינגט אַרויף אויף דער סאָפע, שטרעקט אויס די הענד צום שרענקעל מיט די געפעס, חאַפּט איין טעלער נאָך דעם אַנדערן און שליידערט מיט אימפּעט, ציעלנדיג זיך איהם אין קאָפּ אַריין. און ער מיט אויפגעשטעלטע הענד חאַפּט אונטער יעדען טעלער, איטליכע—כלי, און די טעלער גליטשן זיך אַראָב און צושיטען זיך אין צעהנדלינער שטיקער, און די שאַרבענס צופליהען זיך מיט גערויש איבער דער פּאָדלאָגע. דבורה וויל צולויפען צו איהר, נאָר זי קען נישט צוקומען... אַהרן פערליערט שוין די געדולד צו בייגען זיך, אַוועק צו חאַפּען דעם קאָפּ אַלע רגע... לויפט ער רבקה׳לען אַנטקעגען, חאַפּט זי אָן ביי די האַנד און שלעפּט זי אַראָב פון דער סאָפע. אַצונד נעמען זיי זיך אַרומפיהרען ביי די קעפּ די גאַנצע שטוב, און מען וואַרפט זיך און מען שליידערט זיך פון אָרט צו אָרט. זי איבער איהם און ער איבער איהר,ביידע צוזאַמען און דבורה נאָך..

און רבקה׳לע מיט אנ׳איינגעשפּארטקייט וויקעלט זיך ארום איהם און ער קען זיך פון איהר נישט ארויסדרעהען, און דבורה רייסט זי מיט אלע כּוחות ביי די הענד און קען נישט פאנאנדער רייסען, ביז ער בייגט רבקה׳לען איבער מיט דעם רוקען איבער׳ן טיש און איהרע הענד פערשליעסט ער אין זיינע. פעסט צודריקענדיג צו׳ם ברוסט. רבקה׳לע האט זיך דערשפּיערט געפאלען, בעזיעגט אז זי קען זיך קיין ריהר נישט געבען, און איהרע אויגען האבען געשפּיגען אין דער רגע מיט דעם שרעקליכסטען סם! דבורה שרייט און רייסט איהם די הענד, נאד ער איז אזוי צוקאכט און דאס פּנים מיט די אויגען פארגאסען מיט א בלוטיגען כּעס, אז ער פיהלט נישט קיין שום זאך.

נאר ביסלעכווייז לאזט ער זי אליין אב, רבקה׳לע נעהמט זיך אויפסניי וויקלען ארום איהם און אנהענגען זיך אויף די אקסלען, און דבורה שלעפּט זיך זיי נאך מיט א געשריי, און אלע דריי שלעפּען זיך צו דער טהיר פון צימער. דא טהוט ער רבקה׳לען א שטויס פון זיך און מיט א ווילדען אימפּעט טהוט ער א קלאפּ צו די טהיר, בלייבענדיג מיט רבקה׳לען אליין פון יענער זייט. דבורה׳ס א האנד בלייבט פערקלעמט, און א מורא׳דיג געשריי פערהילכט די שטוב.

די טהיר לאזט פלוצלונג נאך, און דבורה חאפּט ארויס די האנד: די פינגער טיעף איינגעקארבט און ברוין-און-בלאה פערלאפען... זי צעווייגט זיך אויף א קול און לויפט אוועק צום טיש צוהאלטענדיג דאס בינטעל פינגער מיט דער אנדערער האנד. און רבקה׳לע שטעהט, ווארטענדיג אונטער דער טהיר מיט א ניפּט:ג פייערעל אין די אויגען...

אין פענסטער בעווייזען זיך קעפּלעך, מיט פּנים׳ער ווי אנגעקלעבט אויף די שויבען.

פלוצלונג רייסט זיך אויף די טהיר פון צימער און אהרן שטויסט אב מיט האסט רבקה׳לען, וואס וויקעלט זיך איהם נאך. און לויפט ארוים פון שטוב . . . .

דבורה וויינט די האנד אין א גלאז קאלט וואסער.

לאנג האט געדויערט איידער רבקה׳לע האט זיך בערוהיגט. ביסלעכווייז פערציעהט זיך איהר געזיכט מיט א מרה שחורה, די אויגען ווערען טונקעל און טרויעריג, עס ליעגט אין זיי פער-

זונקען אַ טיעפער האָס און אַ נישט ניחה׳קייט צום לעבען.

זי נעהמט אַנ׳אלט קלייד פון דער וואַנד אַראָב, שפּרייט עס אויס אויף דער ערד פאַר דער סאָפע און לעגט זיך אַניעדער איינגעטוליעט... און דבורה גייט אַוועק אין צימער.

און די שטילקייט אין שטוב ווערט שווערער און שווערער. דאַכט זיך, אַ סוד האָט זיך דאָ אַריינגעגאָסען און די שטוב האָט דעם אָטהעם פערהאַלטען. ציטענווייז הערט זיך נאָר אַ פערשטיקטער זיפץ פון רבקה׳לעס צונעדריקטע דינע ליפּען. דאָס פּנים ביי איהר איז נאָך רויטליך און די בּרעמען אַראָבגעלאָזט, ווי צום דרעמלען, און אויף דעם גאַנצען געזיכט איז אויסגעגאָסען אַ מין טרויעריגע רוהיגקייט, ווי ביי איינע, וואָס האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט אָבגעטהון, האָט שוין אַלץ געהאַט, און האָט שוין גאָר נישט, אויף וואָס צו וואַרטען מעהר.

די זון שיינט אַריין אין פענסטער און מאָלט רבקה׳לען צופוסענס צוויי זעקס-געקעסטעלטע ראַמען...

די שטילקייט ווערט טיעפער, שווערער.

פון באַקאווען גיעסט זיך דאָס טרויעריגע גרילצען פון אַ גריל, און מאַכט נאָך די שטילקייט שרעקליכער. שווערער...

אַ יונגע אלמנה.

אַ יונגע אלמנה.

(ערצעהלונג).

אויף אַ סטאַציע האָבען זיי זיך ביידע געטראָפען אין איין וואַגאָן. ער איז מיט דערזועלבער באַהן געפאָהרען פון אַ וויַיטע־רע שטרעקע, נאָר זי איז אויפגעזעסען, ווען עס איז שוין נישט מעהר ווי אַ קליין שטיקעל וועגם געווען צו דערפאָהרען אין דער שטאָדט, וואוהין דער צוג האָט זיי ביידע געזאָלט פיהרען.

ביי דעם ערשטען דערזעהען זיך, בשעת זי איז אין וואַגאָן אריין, און ער איז אויף אַ באַנק געזעסען — איז די איבעררעשונג געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַוש איהר קליין דאַמען־קייבערל פון דער האַנד ארויסגעלאָזט און ער איז געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט צו׳ם אָרט, און ביידע זענען נישט געווען אין שטאַנד אפילו אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

נאָר ווען די ערשטע איבעררעשונג איז אַוועק, איז זי שוין געזעסען אויף זיין אָרט, און ער אויף אַ שטיקעל קאַנט פון דער באַנק, צוגעזעצט נעבען איהר.

— וואָס־זשע מאַכסט דו? — האָט זי געפרעגט, אַ שטראַהלענדיגע, קוקענדיג אויף איהם.

— איך, גאָר נישט... — האָט ער געענטפערט — איך בין, זעהסט דו, געזונד... און דו?

— איך אויך דאָסזעלבע. אַ דאַנק.

זײ האָבען זיך נישט געהאַט געזעהען שוין העכער אַנ-דערטהאַלבען יאָהר. ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט איבער דער צײַט חתונה געהאַט, אַז זי לעבט הײַנט אויף אַ פרעמד אָרט, צווישען מענשען, וועגען וועלכע ער האָט אפילו קײן אַהנונג נישט, נישט וועגען זײ און נישט וועגען איהר, ווי אַזוי איהר לעבט זיך דאָרט. נאָר איבריגענס — איהם גלוסט עס שוין נאָר נישט צו וויסען אויך. נאָך פאַר איהר חתונה, שוין אַנ-דערטהאַלבען יאָהר איז אַריבער צײַט דעמאָלט, האָט זי אײנ-מאָל, שפּאַצירענדיג מיט איהם איבער'ן טראָטואַר, דערצעהלט איהם, אַז זי האָט שוין די טעג חתונה און אַז דער חתן שעצט איהר זעהר...

אַז דער חתן שעצט איהר זעהר האָט ער אויך געזעהן פון דעם, וואָס פון איהר אויסגעפיעלטער האַנד האָט אַראָבגע-בלישצעט אַ בראָנזלעט מיט דערזעלבער צופריעדענהײַט, ווי דער שמײכעל פון איהר געזיכט. אויף איהר ברוסט האָט גע-פינקעלט אַ שפּילקעלע מיט גלעזערנע אימיטאַציעלעך און — אפשר דימאַנטלעך. אויף די פינגער — רינגלעך מיט רובינדלעך און שמאַגראַרלעך, און גאָט ווײסט מיט נאָך וואָס. אָבער מעהר פאַר דאָס אַלץ האָט זי דעמאָלט מיט איהרע ווערטער געבליש-צעט אין איהר שטאָלצען רײדען וועגען דעם, וואָס דער חתן שעצט זי, און אַז זי האָט שוין די טעג חתונה.

נו, מילא, האָט זי חתונה געהאַט און אינגאַנצען פערשוואונ-דען פון זײַנע אויגען, ביז זײ האָבען זיך דאָ ווידער גע-טראָפען.

— שוין אַ שפּאָר שטיקעל צײַט אָבגעלאָפען פון דעמאָלט אָן, צײַט מיר האָבען זיך געזעהן. — האָט ער צו איהר גע-זאָגט, קנײטשענדיג דעם שטערן.

— און מיר דאַכט זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן — האָט זי מיט אַ צופריעדענער מינע געזאָגט — דו געדענקסט, יאָסעלע, ווען מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געשײדט?

— איך געדענק — האָט ער געענטפערט און באַלד

א שאקעל צו נעגעבען מיט'ן קאפ פאר זיך אליין, ווי ער וואלט זיך וועגען עפעס א נישט אנגענעהמליכע זאך דערמאהנט.

— נו, האב איך דיר נישט געזאגט דעמאלט באלד — האט זי ווייטער געזאגט — אז א בארג מיט א בארג קענען זיך נישט צונויפקומען, אבער א מענש מיט א מענש האט שטענדיג א האפנונג?...

— איך געדענק, איך נעדענק. — האט ער אלץ, שאקלענדיג מיט'ן קאפ, געזאגט.

— נו, פארוואס-זשע דערצעהלסטו נישט עפעס, יאסעל, ווי דערגעהט עס דיר? פאר מיינעטוועגען האסט דו שוין גארנישט וואס צו ריידען?

—איך וועל דיר דערצעהלען — האט ער מיט א געקווילטקייט אין פנים געענטפערט, ווי ער וואלט זיך גיצוואונגען צו ריידען, אונזער בעגעגנען זיך איז אזוי אומגעריכט, און דאדורך איך גאר האב נישט וואס צו ריידען.

— זעה-זשע נאר יאסיל — האט זי ווייטער געזאגט, נעהמענדיג זיך צום האנד-קערבעל, און ארויסנעמענדיג פון דארט א פאמעראנץ מיט א שטיק האניג-לעקעך, — דו וועסט אפשר פערזוכען פון דעם, וואס איך האב דא?

יאסעל האט געקוקט אויף איהר מיט א פינסטערן שמייכעל:

— ניין, גלויב מיר, אז עס האט מיך גארנישט גע'חלומ'ט אייך קיינמאל וועגען דיין האניג-לעקעך, עס דו אליין געזונדערהייד, — האט ער צוגעגעבען, און ביי די ווערטער האט ער גענומען אבשיילען דעם פאמעראנץ פאר איהר'ט וועגען.

זי האט געגעסען, און ער האט איהר פעניצלעך-ווייז צודערלאנגט.

די באהן האט זיך געשטעלט, און דורך דעם וואקזאל האבען זיי זיך ביידע געלאזט געהן גלייך אין שטאדט אריין, אקסעל ביי אקסעל.

א סך גאסען זענען זיי אדורכגעגאנגען, שווייגענדיג צווישען

זיך, דערנאָך האָט ער ערשט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געפרעגט:

— האָסט דו חאָטש גוט געטראָפען?

— יאָ, נישט צו פערזינדיגען — האָט זי געזאָגט — דער מאַן האָט באַלד נאָך דער חתונה געקריגען אַ העלער געהאַלט און אַ חוץ דעם האָט ער אָנגענומען די בוכהאַלטעריי פון נאָך איין געשעפט.

— מילא, אַזוי — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ — איז דאָך שוין טאַקי נישקשה.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט — מיין מאַן זיצט היינט אויף פרישע לופט.

— וואָס הייסט? דיין מאַן זיצט, נישט דו?

— ניין. ער זיצט, איך זיץ, וואָס איז די נפקה-מינא? אַז דו ווילסט, יאָסעל, קענסט דו אויך אַרויסקומען אַ ביסעל צו אונז.

— נו, וועלען מיר שוין זיצען אַלע דריי?...

— נו, וואָס-זשע מיינסט דו. —

— נו, נו... — האָט יאָסעל געזאָגט, נישט וועליענדיג גלאַט ריידען אין דער וועלט אַריין וועגען אַ זאַך, וואָס קען נישט זיין.

אַז זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ טויער, האָט יאָסעל ערשט דערזעהן, אַז זיי געפינען זיך שוין ביי דעם אָרט, וואוהין זי האָט געדאַרפט.

— נו, דאָ געהסט דו אַרויף. — האָט ער געזאָגט.

— נו, וואָס-זשע זאָגסט דו, יאָסעל? — האָט זי וויטער געפרעגט.

— ווענען וואָס?

— וועגען אַרויסקומען צו מיר אַ ביסעל?

— ווי איך זעה, מוזט דו דיין מאַן שפירען פאַר גאָר אַ פריינדליכען מענש?... — האָט ער זי געפרעגט.

— קענען וואָס-זשע מיינסט דו, אַז ער וועט זיך בייזערן? נאָר, יאָסעלע, מיין מאַן איז נישט קיין געזונדער און

איהם טויג גאָרנישט, אז ער זאָל זיך בייזערן...

— אזוי? — האָט יאָסעל שוין אזש געשמייכעלט — איהם טויג גאָרנישט?...

— נו־זשע, זאָגסט דו מיר צו?

— איך ווייס נישט, וועל מיר זעהן. אָבער אלעני־פאַלס, דיין מאַן איז א פריינדליכער מענש, זאָגסט דו?

— יאָ, יאָ. למען־השם... — האָט זי צופרידען איהם געדריקט די האַנד מיט א בלישצענדיגער פרייד — קום, דו וועסט נישט קיין חרטה האָבען.

זי האָט איהם בעשטעלט אויף זעקס פאַרנאַכט זאָל ער צוקומען צו איהר, וועלען זיי צוזאַמען גלייך אַרויספאָהרען.

פונקט צו דער בעשטימטער צייט איז ער געקומען און געטראָפען זי שוין א צוגעגרייטע צו דער רייזע.

— נו, קום! — האָט ער זי גערופען.

— אָבער שווייג־זשע נאָר שטיל — האָט זי געזאָגט — וואָס וועט מיין מאַן זאָגען?

יאָסעל האָט געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— נו, ביזט דו דיך ערשט אַצינד מישב?

— איך ווייס, איך קלער איבער, ער איז א קראַנקער מענש און איהם טויג נישט, אז ער זאָל זיך קרענקען...

— נו, פאָהר איך נישט.

— נו, מילא, ווי דו ווילסט... — האָט זי שוין אליין אויך געזאָגט.

יאָסעל האָט פאַר זיך אליין א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: עס איז שוין לאַנג צייט געווען, אז ער זאָל זיך מיט איהר נישט בעגעגנען. זי האָט איהם שוין נישט איינמאָל פערפיהרט. נאָר קיינמאָל האָט ער זיך נישט געקענט פון איהר אָפּרייסען, און אַצינד, אָט האָט זי איהם שוין ווייטער געקריגען אויפ'ן שטריקעל... ער האָט אַזש פאַר גרויס אונרוהיגקייט און נישט צופרידען זיין מיט זיך זעלבסט — א האַסטיגען שפּיי אָבגעטהאָן.

אָט דאַכט זיך דאָך: וואָס איז זי דען? א פּאַווע־קעפּע־

לעֶ״ — האָט ער זיך אין דער שטיל געטראַכט, קוקענדיג אויף איהר פון הינטער איהרע פלייצעס מיט אַ פער׳מרה־שחורה׳ט פּנים — „נו, און פונדעסטוועגען?...״

— יאָסעלשי — האָט זי איהם געפרעגט כמעט גלעטענדיג מיט די ווערטער — דו ביזט עפּעס אויף מיר בייז?...

— ווער, איך אויף דיר? אַז דו קענסט נישט, קענסטו דאָך נישט!

— ניין, יאָסעלשי, איך קען טאַקי נישט... דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פּנים ווערט דאָס האָבען פאַר מיין, אַז איך וועל מיר ברענגען אַ יונגען מענש צו איהם אין שטוב אַריין.

— נו, טאָ געה־זשע, פאָהר־זשע אַליין געזונדערהייד.

— נאָר ווייסט דו, וואָס־זשע איך וויל דיר יאָ זאָגען — האָט זי אָנגעשטעלט אַ פינגערל צו די ליפּלעך און געוואָרען אַ ביסעל, ווי פערטראַכט — אָט ווען דו זאָלסט וועלען אַ שטייגער אַרויסקומען אויף אַנ׳אינדערפריה צו מיר, אַ גאַנצען טאָג געקענט אַרום שפּאַצירען אין וואַלד און פאַרנאַכט הויבסט דו דיך אויף און פאָהרסט דיר צוריק אַוועק אין שטאָדט אַריין.

— איך ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין אַנ׳אַנדערש מאָל, נאָר דערווייל פאָהר דיר אַוועק דיין וועגס און האָב מיר אַ גוטען טאָג, — האָט ער געזאָגט, שטאַרקענדיג זיך קאַלט צו זיין.

ער האָט איהר געגעבען די האַנד, און זי האָט זיך געזעגענט מיט איהם.

— יאָסעלשי, זיי נישט אויף מיר בייז. — האָט זי זיך נאָך אַמאָל געבעטען און איהרע אויגען האָבען שוין געבלישטשעט און דאָס געזיכט איז געוועזען צושטרייט, קוקענדיג אויף איהם און האַלטענדיג איהרע ביידע ווייכע הענד אויף זיינע אַקסלען. יאָסעל ווידער איז געשטאַנען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען, פערוויגטען קאָפּ און צוגעשמירטע בליקען אַנטקעגען־איבער איהר ברוסט און אַ היץ האָט געשלאָגען פון זיין אָטעם. ער האָט געשפּירט, אַז אויב זי וועט איהם נאָך אַ ביסעל אַזוי אַנטקעגען שטעהן, וועט ער עס נישט אויסהאַלטען, אַז ער זאָל איהר נישט אַרומ־

חאַפּען... נאָר דאָסזעלבע האָט זי אויך געשפּירט, און דערמאָלט האָט זי זיך לאַנגזאַם באַפרייט פון איהם, צוגעוואונשען אַ גוטען טאָג, און איידער יאָסעל האָט זיך רעכט אומגעקוקט, איז ער שוין געשטאַנען אַ צומישטער איינער אַליין אין צימער.

„וואַרט נאָר, וואַרט!...״ — האָט ער נאָכגעשריגען, ווען איהר געביין איז שוין נישט געווען, און איז באַלד אַ צורודערטער נאָך אויף דער גאַס [illegible].

ער האָט זי שוין נישט געטראָפען, און האָט זיך געשווינד גענומען דורכשניידען דורכ'ן הויף און הינטער־געסלעך צום באַהן־וועג, כּדי זי צו דעריאָגען.

אויפ'ן וועג, ווי ער איז נאָר אין עק שטאָדט אַרויס, האָבען זיך אַ פּאָר פערפּלאָנטערטע הינד אַרומגעשלעפּט און אַרומגעוואַלגערט איבער דער ברייט פון וועג, און, ווייל ער האָט זיך געאיילט, איז זייער גרעסטע געריים אויסגעקומען פּונקט פאַר זיינע טריט, ווען ער איז שוין געשטאַנען גאָר נאָהענט, מיט איין שפּרייז צו די הינד, אַזוי אַז ער איז שיער משוגע געוואָרען פאַר אומגעדולד — און מיט איין שפּרונג איז ער איבער זיי אַריבער און איז ווייטער געלאָפען.

און אָט האָט ער שוין דערגרייכט דאָס שטיקעל גאַס, וואו די דראָשקעס זענען געפלויגען צום באַהן־הויף, און אויף איינער, זעהט ער, זיצט זי מיט דעם קייבערל אין דער האַנד און דער הוט אויפ'ן קאָפּ, און ווען די דראָשקע האָט זיך געשטעלט און זי איז אַרויס פון איהר, האָט זי נאָך נישט געדווינזשעט צו שטעלען אפילו דעם ערשטען טריט אויף די טרעפּלעך פון אַריינגאַנג אין וואָקזאַל, ווי ער איז שוין געשטאַנען ביי איהר הינטערוויילעכס און מיט אַ לייכטען טשעפּ ביי איהר אַרבעל זי אָבגעשטעלט:

— וואַרט!...

זי האָט זיך אַ קוק אום געטהאָן מיט אַ פּאָר גרויסע אויסגעשטעלטע אויגען אין וועלכע, עס האָט זיך דערקענט שרעק און פערוואונדערונג:

— יאָסעל, וואָס טהוסט דו דאָ?

— וואַרט, איך מוז מיטפאָהרען... האָט ער מיט אַ בי־

סעל צערשטרייאונג אין פנים, נאר ענטשלאסענהייט אין קול, געזאגט.

— יאסעלשי, וואס־זשע טהוט זיך מיט דיר? דו שעלסט דאך מיך, איך קאן דאך נישט, געוואלד געשריגען, איך קען דאך נישט. — האט זי זיך אזש שיעור נישט צעוויינט;

— נו, טא וואס־זשע דען וועט זיין? — האט ער ערנסט געפרעגט — האסט דען נישט געוואלט פריהער, אז איך זאל מיטפאהרען?

— אבער ערשט האב איך דאך דיר געזאגט, אז דאס קען נישט זיין.

— טא זאל מען פריווען, אפשר קאן עס יא זיין!

— דו מאכסט מיך אומגליקליך — האט זי שוין אויס פערצווייפלונג אויסגעשריגען — איך האב אין דער־היים א קראנקען מאן, אז ער וועט דערזעהן, ווי איך האב מיך שוין בעצייטענס פעריארגט מיט א פרעמדען יונגעמאן, איז שוין, חלילה, אנ׳עק מיט איהם...

יאסעל איז געבליבען שטעהן א בעטריבטער, דערהערענדיג איהרע רייד.

— נו, טא וואס־זשע ווילסט דו? — האט ער שוין אליין געפרעגט.

— איך וויל, אז דו זאלסט נישט מיטפאהרען, מילא, דו ביזט שוין ארויסגעקומען דא אהער, גוט, דו וועסט מיך האבען בעגלייט אין וואקזאל אריין, אבער וויטער קענסט דו נישט.

יאסעל האט אראבגעלאזט דעם קאפ, אונטערגעגעבען זיך איהר ווילען און אזוי איז זי מיט איהם גלייך געגאנגען צו דער קאסע נעהמען א בילעט פאר זיך אליין.

נאר דא איז געשטאנען א צו לאנגע רייהע מענשען און ביז אנצוקומען נאך א בילעט האט געדארפט צו לאנג געדויערן, וועהרענד זיי וואלטען ליבערשט די צייט געקענט פערברענגען צווישען זיך. האבען זיי דאס איבערגעגעבען א גוי, וואס דרעהט זיך פאר׳ן נאטשאלניק׳ס פענסטערל, און זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט אין א זייט שמועסען.

און אַט האָט שוין דער גוי געקריגען אַ בילעט. עס האָט זיך שוין דערהערט אַ געקלינגעריי אין וואָקזאַל. דער הויכער און גראָבער באַהן־בעדינטער מיט׳ן שעלענעם לאָמפּאַס אויפ׳ן קאָפּ און אין דער „קוטשעריִשער״ קאַפּאָטע מיט די מעשענע קנעפּ האָט שוין מיט אַ קול, ווי פון אַ פּאַס אַרויס, אויסגערופען אַלע שטעדט און הויפּט־סטאַנציעס, וואו די באַהן געהט פאַרביי. די טהירען פון וואָקזאַל אויף דער פּלאַטפאָרם אַרויס האָבען זיך שוין אַ פּראַל־אויף געטהאָן, די פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין דער־געשווינד צום צוג, אַזוי, אַז עס איז שוין אָנגעקומען דער ענטשיידענער מאָמענט, ווען זי האָט זיך געזאָלט שיידען פון איהם. נאָר דאָ איז עפּעס געשעהן: איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט זיינע און זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— קום, איך וועל געהן צוריק מיט דיר אין שטאָדט אַריין...

דעם בילעט האָט זי געלעגט אין קעשענע אַריין און ביידע, נישט קלערענדיג אפילו איין רגע, ווי עס וואָלט שוין געווען ביי זיי פון לאַנג אַ׳אָבגעשמועסטע זאַך — האָבען זיי זיך מיט שווייגענדיגע פּנים׳ער געלאָזט צוריק געהן פון וואָקזאַל אַרויס, דורך דיזעלבע טרעפּלעך אַראָב, און צווישען דער מענגע דראָשקעס, טראַמוויי׳ען און מענשען, וואָס זענען געגאַנגען צוריק אין שטאָדט אַריין, האָבען זיי זיך פערמישט און פערשוואונדען געוואָרען.

צומאָרגענס אין דערפריה, ווען זי איז אַליין געקומען אויף איהר זומער־וואוינונג און געגאַנגען מיט דעם קייבערל אין דער האַנד און דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ צו איהר שטוב, האָט זי אַרום דעם הויז גאָרנישט בעמערקט עפּעס אונגעוועהנליכעס. אַלץ איז געווען שטיל. די צווייגלעך אויף די ביימער האָבען צו די פענסטער אַראָבגעקוקט, און זיי דעסגלייכען האָבען פערהילט אין שאָטען געגלאַ[illegible] מיט אַ טונקעלען גלאַנץ צווי־

שען די בוימער אריין, פונקט ווי גלעטען, ווי איינערנעלטען. נאר ווען זי איז אין שטוב אריין און נאך נישט קיין צייט געהאט די טהיר צו פערמאכען, איז זי א פערגליווערטע געבליבען פון שרעק און ארויסגעלאזט א שניידענדיג געשריי.

ביינאכט האט איהר מאן געקריגען א בלוט-שטורץ, האט ער זיך געשטארקט, איינער אליין, צו ליגען רוהיג אויף די פלייצעס, מיט'ן פנים ארויף צום בעליק און מיט א פערמאכט מויל. נאר אזוי ווי דאס בלוט האט נישט געוואלט אויפהערען אנצוקומען, איז ער אזויערנאך געבליבען ליגען א דערשטיקטער מיט א פול פערמאכט מויל מיט פערגליווערט בלוט.

זי האט זיך, ווי אין משוגעת, אווארף צו געגעבען צום פענסטער, אויפגעריסען עס, דער הוט האט שוין געמאכט מאדנע לופט-שפרינגען אויף איהר קאפ, ווי ער וואלט איינגאנצען געוואלט אראבשפרינגען פון איהר, איבער איהר ווארפען זיך און שרייען דורך דעם אפענעם פענסטער אין גאס ארויס.

נאר ביי די ארומיגע איינוואוינער איז שוין א יעלכעם קיין נייעס נישט און קיינער האט נישט געוואלט איהר קומען צו הילף. פערקעהרט, אין איין דערבייאיג ווילע האט זיך באלד דערויף בעוויזען אין דארטיגען אפענעם פענסטער אנ׳ אויסגעשטרעקטע פרויען-האנד און פערמאכט דאס פענסטער שטארקער, אז די קולות פון ארום א געשטארבענעם זאלען זיך צו איהר אין שטוב נישט אריין, און אפשר איז שוין דארט אויך געלעגען איינער, וואס מען טאר איהם נישט בעאונרוהיגען...

געשאקעלט מיט די קעפ האבען נאר טייל, וואס זענען געשטאנען אויף דער גאס, און געזיפצט צווישען זיך:

— אודאי איז נישט גוט אזא לעבען, מען פאהרט ארויס פון דער-היים ביינאכט און אז מען קומט צוריק אין דער-פריה טרעפט מען שוין יענעם טויט...

און דאס יונגע ווייבעל האט שטארק געקלאגט. זי דייט געקלאגט ערשט אויף איהר גאנצער יוגענד, ווי אזוי זי האט זי פערברענגט און ווי אזוי עס וועט איהר ערשט ארויסקומען

ווייטער צו פערברענגען. צו וואס זי האט געשטרעבט און צו וואס זי האט דערגרייכט. געשטרעבט האט זי גאט ווייסט צו וואס, און גענומען האט זי גאר א בוכהאלטער, און דאס אויך נאר א קראנקען. און האט זי עס שוין יא דערגרייכט, האט זי זיך נישט קיין צייט געהאט אפילו דערמיט רעכט אנצופרייען. וואס פאר א פרייד איז ביי איהר געווען, ווען דער מאן האט געקריגען א הוספה אין דעם געשעפט, וואו ער האט געארבייט — און נאך מעהר, ווען ער איז געקומען מיט עטליכע וואכען שפעטער איהר אנזאגען א בשורה, אז ער האט אנגענומען א צווייטע שטעלע צו דער ערשטער צו, און ער וועט נאך אמאל האבען עטליכע שעה בעשעפטיגונג אין טאג. און ענדליך, ווען ער האט זי אויף א זומער-וואוינונג ארויסגעזעצט און זי האט אין די ערשטע עטליכע טעג פאר גרויס פרייד נישט געוואוסט וואס צו טהאן און האט גאנצע מארגענס און פארנאכטען ארומגעשפאצירט אין שלאפראק צווישען די בוימער און אויפגעהערט יעדען שארך פון יענער שטילקייט ארויס, בשעת א ווינטעל ציהט פארביי איבער די שפיצען בוימער, אדער בשעת גאר א שישקע פון א בוים פאלט פלוצלונג מיט א קלאפ אויף דער ערד, און עס פאלט צוריק א טיפע שטילקייט אויף דער גאנצער ארומיגקייט.

זי האט בעקלאגט איהר טויטען. אויסגעטהאן דאס בראסלעט'ל, די פינגערליך, דאס שפילקעלע פון איבער דער ברוסט. זי האט אויך בעקלאגט אפילו דאס פלעשעל טראן, וואס איז געבליבען שטעהן אויפ'ן פענסטער ווי פער'יתומ'ט און ער האט עס נישט אפילו דערענדיגט... זי האט אויך בעקלאגט איהר נייע שאפע מיט מלבושים, איהר גאנץ ווירטשאפט, און אין אלגעמיין — ווער עס וועט איהר שוין ערשט געבען אויף דעם אלץ...

נאר דרום צוויי, דריי נאך-מיטאגס, ווען די זון האט שוין געהאט אריבערגעשפאצירט איבער די שפיצען בוימער פון פאר איהר פענסטער, בעהאלטענדיג זיך צווישען זיי, און אויף דער ערד אין שטוב, הינטער איהרע פלייצעס, איז שוין געלעגען

דער טויטער, איבערגעדעקט מיט א שווארץ טוך, איז זי שוין פונדעסטוועגען געזעסען מיט'ן פנים צום פענסטער, אונטערגעשפארט דעם קאפ אויף איהר האַנד-פלעכע — און געטראכט וועגען דער נעכטיגער נאכט, וואס זי האט פערברענגט אין א האטעל, און וועגען דעם, ווי איהר יאסעלע וועט זיך דערפרעהען, בשעת זי וועט איהם ארײנשיקען אויף איהר'ם א וויזיט-קארטעלע אויפגעשריבען די טרויעריגע בשורה:

„מײַן טײַער יאסעלע, מײַן מאן איז מיר געשטארבען"...

דאס וועט זי איהם שיקען אויף איהר'ם א בעזונדער קארטעלע, פון די, וואס ליעגען אין א בעזונדער שופלערעלע נאך פון דער מײדעלשער צײַט...

און דערנאך, ווען ער וועט ארויבקומען צו איהר, וועט ער זי טרעפען אין טוליענעם טרויער-שלײער און אין שווארצען סאטינדיליאן-קלײד ליעגען אויף איהר רויטער פלושענער סאפע...

חתונה מאכען.

חתונה מאַכען.

(ערצעהלונג).

דער ליעבער שבת איז שוין באַלד אַוועק, אַ שעה איננאַנצען צו זון זעצען, נאָר שרה'לע זיצט נאָך מיט איהר מוטער אויפ'ן באַלקאָן ביים אָפּענעם טייטש־חומש. די מוטער, אַ יודענע, וואָס טראָגט אַ הוט, נישט קיין איבעריג גרויסע קעגערקע, אַז עס קומט שבת צום טייטש־חומש, זעצט זי זיך נישט אָהן שרה'לען. נאָר היינטיגען שבת האָט זיך שרה'לע עפּיס געפּעשטשעט, פּונקט ווי אַ קינד. דער קאָפּ — האָט זי געזאָגט — טהוט איהר אַ ביסעל וועה. און שוין טאַקע אַ צייט, ווי מיט איהר איז עפּיס נישט אַזוי גלאַטיג. שטענדיג שטעהט איהר פאַר די אויגען עפּיס אַ ברונעטע געשטאַלט מיט אַ קליין, שוואַרץ שפּאַנקעלע אויף דער געמבע, מיט גליסטיג לאַכענדיגע אויגען, און דאָס גיט שרה'לען קיין רוה נישט. אויך דאָ, ביי דעם טייטש־חומש זיצענדיג, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער קוקט אַרוים פון צווישען די שורות'לעך, און זי האָט נערוועז אָבגעריסען:

— מאַמעשי, איך קאָן נישט!

— וואָס קאָנסטו נישט?

— לייענען, איך בין עפּיס נישט געזונד.

די מוטער בלאָזט איהר אָב:

— נישקשה, נישקשה, שרה'לע... איידער דו ווערסט אַ כּלה ווערען, וועט זיך דיר אויסהיילען...

— לאָמיך שוין די מאַמעשי לאָזען צו־רוה, אַ ליאַדע וואָס, נאָר מיט'ן כּלה ווערען...

— נו. וואָס־זשע איז, טאָכטערשי, נו, וואָס זאָג איך דאָ?... וואָס דען, דו וועסט נישט קיין כּלה ווערען?

— אָבער פאַרוואָס זאָל די מאַמעשי האָבען אַזאַ טבע, אַז איך שמועס פון נישט־געזונד, שמועסט מיר די מאַמעשי פון אַ כּלה ווערען.

— איך זעה נישט, חלילה, אַז עס זאָל דיר עפּיס זיין. די בעקעלעך זענען, קיין עין־הרע, שען.

— נו, זענען זיי!

עס געהט אוועק אַ לענגערע פּויזע.

— זאָג נאָר, מאַמעשי, דו ביזט אויך געווען אַמאָל שען?

— צי איך בין אויך געווען אַמאָל שען?...— קוקט זי די מוטער אָן פערוואונדערט, אַזאַ שטייגער, ווי „דו ווערסט ערשט געוואָהר?"...— ווי הייסט, צי איך בין אויך געווען אַמאָל שען?...

און פערטראַכטענדיג זיך מיט אַ ווייט פערבלאָנדזשעטען שמייכעל אויף די ליפּען וועגען אַמאָל, ווי איהר מאַן איז איינמאָל באַלד נאָך דער חתונה צוגעשפּרונגען צו איהר הינטערווייל'עכם און איינגעכאַפּט איהר דאָס לעפּעל פון רעכטען אויער צווישען די צייהן, ווי אַ משוגע'נער...— מאַכט זי צו שרה'לען:

— וואָס דען מיינסטו... דיין מאַמע איז נישט געווען קיין שענע?...

— נו פאַרוואָס־זשע האָסטו חתונה געהאַט מיט דעם טאַטען?...

— ווי הייסט!... נו, דער טאַטע איז דאָך געווען מיין חתן?...

— פוי, — מאַכט שרה'לע — אַזאַ חתן!...

— שרה'לע... — קוקט זי די מאַמע אָן מיט אַ כּלומר'שטער אונרוהיגקייט אין פּנים — אויף אַ טאַטען?...

— ניין, נישט אויף קיין טאטען זאג איך, נאר אויף אזא חתן...

— נו, און דער חתן איז דאך שפעטער געווארען דיין טאטע!...

— יא, פאר א טאטעשי איז ער גוט — איז שרה׳לע מסכים — נאר פאר א חתן טויג ער נישט...

— נו, טויג ער נישט — מאכט די מאמע בעליידיגט — ס׳אנדערע, ער איז דאך שוין א טאטע, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, און דארף דאך שוין קיין חתן נישט ווערען...

— נו, דערפאר זאג איך דאך... — זאגט שרה׳לע, און אין געדאנק טראכט זי זיך: „חא, חא, א שענער חתן"...

און אז זי נעהמט נאך פערגלייכען דעם טאטען׳ס געשטאלט מיט יענעם׳ס, וואס האט צו איהר ארויסגעקוקט פון צווישען די שורות׳לעך, שטיקט זי זיך אין די געדאנקען פאר געלעכטער: חי, חי, חי...

— וואס לאכסטו עפים, משוגע׳נע? — פרעגט די מוטער.

— פארוואס גיסטו דעם טאטען צו זופען יויך אין אזא טיעפער וואזע?...

— נו, וואס איז?...

— גארנישט... — מאכט שרה׳לע, און פארשטעלענדיג זיך ווי דער טאטע שלעפט פון דארט ארויס צוויי אויסגעווייקטע וואנסעס, ארויסבלאזענדיג זיך נורקום מיט׳ן מויל נאכ׳ן לעצטען ביסעל יויך — פלאצט זי אויס אין א גרויס געלעכטער.

— גיה, משוגע׳נער קאפ, ווער קאן מיט דיר טענה׳ן! — ווערט די מוטער בייז.

ווען די מאמעשי פערמאכט דעם הייליגען טייטש-חומש, וואס האט שוין אבגעדיענט זיין שטיקעל צייט, ס׳הייסט די צייט פון שמועסען, און פון די אנטקעגען-איבערדיגע מוירן פלאמען שוין די שויבען פאר דער אונטערגעהענדער זון — קומט ר׳ יצחק שטיינהאלץ, דער סאמע בעל-הבית, אהיים מקיים זיין שלש סעודות.

ער צוזעצט זיך ברייטליך ביים טיש, ווי עס קומט ביי א מצוה מקים זיין. דערביי צוזינגט ער זיך גאנץ שען, מיט א גראָב, רייסענדיג קול, ממש ווי א קאַנאַריק. ער פערגעסט נישט אונטערצוהאַלטען זיך מיט איין האנד ביי א זייט באַק, חונ'יש-מעסיג, דאָס פנים צו פערדרייסען, אַזוי אז איין שפיץ באָרד, ביי וועלכער זייט ער האלט אונטער מיט דער האנד, קומט אוים כמעט אינגאַנצען איבערגעקעהרט מיט די הינטערשטע פעדערן ארויף און פון הינטער דאָרט זעהט זיך ערשט דאָס כלי'כעל זיינם, דאָס זיסע העלזעלע, וואָס ער ענטפלעקט פאַר דער גאַנצער שטוב, מיינענדיג, אז אַזוי איז רעכט שען און מייסטערהאַפט צו זינגען.

נאָר דעמאָלט שמייכעלט שרה'לע, קוקענדיג אויף איהם, און טראַכט, אַז איהר חתן וועט אַנדערש זינגען... ער וועט זינגען נישט מיט „אַ פעררייסענעם גאָרגעל" און אויך נישט קיין „אתקינו סעודתא", ווי דער טאַטע זינגט, נאָר עפּים אַנדערש, גאָר עפּים אַנדערש... אָט אַ שטייגער ווי די ווערטער: „אַך, האַלינאַ, אַך, האַלינאַ! דזשעוואַשינאַ מאָיאַ!"... — גיט זי אַ זונג אַרוים מיט אַנ'אייבעל דורכדרינגענד מיידעלש קול'כעל, אַז דער טאַטע, ר' יצחק שטיינהאַלץ, גיט אַזש אַ שפרונג-אויף פון אָרט נבהל ונשתומם.

— הא, וואָס איז דאָס פאַר אַ געזאַנג, שיקסע דו איי-נע!...

— דאָס איז דאָך נישט נאָר נישט, — שרייט שרה'לע, אַליין אויך דערשראָקען פאַר זיך זעלבסט — דאָס איז דאָך פון דער אָפּערע „האַלקאַ"...

— הא, וואָס פאַר אַנ'אָפּערע האַלקאַ?... — שרייט דער טאַטער נאָך מעהר צומישט — דאָס איז עפּים אַזאַ מין נייער אויפטוהו פון אַ גרויסען רבי'ן, פון אַ גרויסען גוטען יוד?...

— נו, וואָס ווילסטו, משוגע'נער... וואָס האָסטו דיך שוין צושריען, — רופט זיך די מאַמע אויך אָן — זי איז דאָך געוועלט... נו, וואָס-זשע איז, אַ קינד זינגט נאָך אַ שטיקעל?...

— אָבער נישט בשעת איך... — האָט ער געוואַלט זאָ-

גען: לויב גאָט, נאָר ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט און געזאָגט — איך... זינג...

— אַ, אין דעם גייט עס דיר... — מאַכט די מאַמע — בשעת דו זינגסט?... מען שטערט דיר דיין גילדען קול׳כעל?... נו. שרה׳לע — ווענדט זי זיך צו איהר מיט אַ כלומר׳שטער שטרענגקייט — בשעת דער טאַטע זינגט, זאָלסטו שוין באַדיי שטום ווערען, דו הערסט? דו זאָלסט שוין באַדיי, חלילה, אינגאַנצען פון דער וועלט אומקומען, אַבי איהם נישט קאַליע צו מאַכען...

ר׳ יצחק שטיינהאָלץ ציהט אָב דעם אָטעם, זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט און זינגט ווייטער.

— „וואָס פאַר אַ ביזער... — טראַכט שרה׳לע שוין ביי זיך אין האַרץ, מיט אַ טיפען פערדרוס וואַרפענדיג אויף איהם אַלע ווייַלע אַ בליק פון הינטער די טונקעל־פערחמאַרעטע ברעמען אַפער — פאַר זיין „גאַרגעל״, בשעת ער זינגט, וואָלט ער געוואָלט, אַז די גאַנצע שטוב זאָל אויסשטאַרבען״...

און איהר דאַכט זיך, אַז פאַר צו־להכעיס וועט זי באַלד אַוועק מיט „יענעם״ אין אַ פרעמדער שטאָדט, אויך אין אַ גרויסער... און אָט זעהט זי, ווי זי איז שוין מיט אַ מאַן, און אַ ווייטקייט, אַ גרויסע ווייטקייט טיילט זי אָב פון איהר איצטיגער היים... דאָרט, ערגיץ ווייט, וועט זי זיך פיהלען גאָר אַנדערש, זיכערער און פרייער. זי זעהט, ווי זי זיצט הינטער אַ בופעט אין אַ שענעם ליכטיגען רעסטאָראַן מיט קריסטאָלענע ושיראַנדאַלען. עס שפּילט אַ גאַנץ אָרקעסטער, די קעלנערס, בעדינער לויפען אַרום ווי פער׳סמ׳ט, און דער מאַן אין גאָלען קאָפּ, אין אַ ווייס מאַרינאַרקעלע מיט אַ ווייס פאַרטוך שטעהט אַליין ביי דעם בופעט, וואו עס וואַרימען זיך אַלערליי „סאַרדעלען״. יאָ, טאַקע „סאַרדעלען״ דעם טאַטען אויף צו־להכעיס... און אַנ׳אַנגענעהמליכער ריח און אַנ׳אַנגענעהם גערויש און געפּלוידעריי פון די געסט פילט־אָן דעם גאַנצען זאַל... שפּעט ביינאַכט וועט זי מיט איהר מאַן אַרויסנעהמען דעם טיש־לעדיל געלד, אַריינשיטען עס צו זיך אין פאַרטוך און, געבענדיג אַ זייטיגען זאָג צו

די דינער: „פערמאכט", — וועט זי נעהמען איהר מאן געא-רימט צום אהיים געהן, וואו עס וועט שוין אויף זי ווארטען א פיינע געזעלשאפט פון בלויז אינטעליגענטע קריסטען, דאמען, בלויז הויז-פויינד, און מען וועט זיך זעצען צום טיש פרעהליך מאכען, ביז שפעט, גאר שפעט אין דער נאכט...

אזוי פערענדיגט שרה'לע איהרע געדאנקען, און ר' יצחק שטיינהאלץ — פונקט אויך זיין „אתקינו תעודתא".

ער הייסט זיך דערלאנגען א ביסעל וואסער צום בענשען, א פריש זמר'ל פערקלינגט די שטוב ביים שיר המעלות, און דערביי קאן ער זיך גארנישט געגוג אבוואונדערן אויף דעם טיפען ענין, וואס ליעגט אין די ווערטער: הזורעים בדמעה ברינה יקצורו...

שפעט ביי-נאכט, ווען טאטע-מאמע שלאפען אין בעוונ-דערן חדר, איז שוין שרה'לע נייגיריג צו וויסען, ווי אזוי זי וועט אויסזעהן נאך דער חתונה.

מיט א לייכטען ציטער, וואס קומט פון א מיידילש פער-שלאסען הארץ, ווען א האסטיגע בעגערשאפט קומט עס אן — שפרינגט זי פון בעטעל אראפ. זי שטעהט די ערשטע רגע א ביסעל ווי צומישט, קוקענדיג אויף דעם שליסעל-לאך פון דיער טהיר, צי הערט מען דארט נישט און, חאפענדיג דעם קארטו-נענעם פארהאנג וואס צוימט-אפ די קיך פונ'ם איינגאנגס-צימער, גיט זי געשווינד א פערהענג איהר בעטעל ארום און ארום, אז עס זאל זיך קיין שפעלטעלע נישט ארויסזעהן. זי בלייבט שטעהן, בעטראכט איהר ארבייט, און מיט דערזועלבער צוטראגענקייט פרובט זי זיך פארשטעלען, ווי דארט, הינטער דעם פארהאנג, ליעגט שרה'לע און זי איז עס דער מאן. זי ווארפט א בליק אין שפיגעל און דערזעהט בשעת עס גיט זיך איהר טאליע א בויג-אויס אין א טיפען קארב — אז זי זעהט גאר ווי קיין מאן נישט אויס, צופיעל מיידלעריש... חאפט זי ארויס א גרין און לאנג שמאל שטיק טוך פון קאסטען, וואס איז געלעגען אנגע-

גרײַט, אַלס אַ טעפּיך צו דער פּאָדלאָגע, און װיקעלט זיך דערמיט אַרום, פריהער אײַן פוס, פון הינטען בּיז אַרויף צו דער טאַליע, דערנאָך דעם צװײטען, בּיז אַראָב הינטען, און פערשפּילעט און פערשטעקט, בּלײַבענדיג שטעהן אין אַ פּאָר געפּאַסטע הײזלעך. אַ צופריעדענע חאַפּט זי ערשט נאָך דעם טאַטענ׳ס אַ רױטע פאַטשײלע, פון װאָס זי בּינדט זיך אױס אַ טערקיש מיצעל אױפ׳ן קאָפּ, דערנאָך דער מאַמעס אַנ׳אַלט קאַפּטעל, װאָס איז אױף שרה׳לען בּרײט און הענגט אַראָב, װי אַ מאַרינאַרקע, און, בּעטראַכטענדיג זיך פריהער אין שפּיגעל, דערנאָך װענדענדיג זיך צו דעם פאָרהאַנג, בּלײַבּט זי שטעהן מיט אַנ׳אױסגעשטרעקטער, גלײַכער פיגור און אָנגעשטרענגטער בּרוסט:

— שרה׳לע?...

און, אָבציהענדיג דעם אָטעם, װי זי װאָלט געװאַרט אױף ענטפער, שאַרצט זי עטװאָס אױף דעם פאָרהאַנג.

— יאָ... יאָ...

איהר פּיסעל האָט שױן געהאַט אַ צוק געטהאָן אין דער הױך, נאָר אַ שפּרונג אַרונטער צו געבּען הינטער׳ן פאָרהאַנג אין בּעטעל אַרײַן, װי די טהיר פון שלאָף־צימער האָט זיך פּלוצלונג געגעבּען אַ פּראַל־אױף און דער פאָטער איז אַרײַן, נישט טױט און נישט לעבּעדיג:

— האַ, װאָס טהוט זיך דאָס!...

שרה׳לע האָט זיך דערשראָקען, נאָר בּאַלד אין אױגענבּליק געגעבּען פון זיך אַ שאָקעל אָב אַלץ, אין װאָס זי איז געגאַנגען, און דער פאָטער האָט זיך ערשט צושריען:

— איך האָב דאָך געמײנט, אַז גנבים, רױבּער זענען מײַן שטוב בּעפאַלען מיט מעסערס אין די הענד... גװאַלד, װאָס טהוט זיך דאָס?

— שאַ, שאַ...— איז די מוטער אױך געקומען נאָכצולױפען פון שלאָף־צימער װי אַ צומישטע, און אַלע דרײַ זענען געשטאַנען נאַקעטערהײד און זיך אָנגעקוקט...

— זעה נאָר,— האָט דער פאָטער פערבּראָכען מיט די

הענד-איך האָב זי דאָך נישט דערקענט, זי האָט זיך דאָך אָנגעטהאָן, ווי א משלחת, ווי א גרעק...

— נו, שוין נו... — האָט די מוטער געזאָגט — א נאַריש קינד, האָט זי זיך אָנגעטהון ווי א גרעק...

דער פאָטער האָט אויף איהר א בייזען קוק געטהאָן פאַר-וואָס זי פערענטפערט זי נאָך, האָט געמאַכט א גרויסען, שווערען שפּרייז צום פאָרהאַנג און עס אראָבגעריסען.

שרה'לע האָט זיך איינגעקאָרטשעט. זי קען שוין דעם טאָטען, ווען עס האַלט ביי ערב-שלאָגען... דעמאָלט טהוט ער א פּאָך מיט די נאָזלעכער...

די מוטער האָט אויך פערשטאַנען די ערנסטקייט פון מאָמענט, ווען זי האָט געזעהן, אַז די אויגען גלאַנצען שוין ביי איהם, און זי האָט זיך אריינגעמישט.

— דו, גזלן איינער!... — האָט זי אויסגעשריען — א קינד האָט זיך נאַריש געמאַכט, קומט איהר אויפצוהענגען?...

— זאָלסט הענגען און הענגען, די חאָלערא זאָל דיך טרעפען...

און נאָך געבענדיג א שפּיי אָב און א לעצטען שאַרפען גלאַנץ מיט די אויגען, איז ער אַנטלאָפען צוריק אין שלאָף-צימער, פערהאַקענדיג די טהיר נאָך זיך.

— נו, האַ?... ס'איז כדאי, מויד?... — שאָקעלט די מאַמע איבער שרה'לען צו מיט'ן קאָפּ — האָסט געזעהן אין וואָס פאַר א רציחה ער איז געווען... וועה איז מיר, וועה איז מיר, — האָט זי זיך גענומען בעקלאָגען, שוין מעהר צו זיך אַליין, ווי צו שרה'לען — ער איז דאָך געווען קאַפּאַבעל דאָס קינד מיר צו טויטען אויפ'ן אָרט...

זי איז נאָך געשטאַנען א קליינע ווייליע, נאָך א קליין זיפצעלע געטהאָן, דערנאָך איז זי אויך אַוועק שלאָפען.

שרה'לע זעהט שוין ערשט, וואָס פאַר א געפעהרליכער מענש דער טאַטע איז. און זי האָט איהם פיינט, ווי א שׂונא, א מערכה די מאַמע... — טראַכט זי זיך שטילעטשקערהייד ליגענדיג זיך שוין אין בעטעל.

דערפאַר, די צווייטע וואָך, אַז זי געהט מיט דער מאַ־
מעשי אין טעאַטער, אויסגעפּוצט אין די שבת׳דיגע קליידער,
מיט די היט אויף די קעפּ, און דער טאַטע בלייבט אין געַ־
וועלב — היט זיך שרה׳לע נישט פאַר דער מוטער און ווייזט
איהר, אַז זי האָט טאַקע אַ בעקאַנטען גרעק, וואָס האָט דאָס
געוועלב אין חיים מיהלשטיינ׳ס הויז — און זאָל זיין טאַקע ווי
דער טאַטע זאָגט: אַ גרעק, אַ משלחת, איהם אויף צו־להכעיס...

זי האָט דער מוטער געוויזען, מיט וואָס פאַר אַ כבוד דער
גרעק נעהמט זי אויף, און אַז ער זיצט דאָ אַלע מאָל און
וואַרט זי אָב אָט אין דער לאָזשע...

די מוטער האָט בעוואונדערט זיין שוואַרץ־חנ׳עוודיג גע־
זיכט, זיינע שוואַרצע אויגען און שוואַרץ שפּאַנקעלע, און כאָטש
די נאָז איז איהם אַ ביסעל צו־לאַנג, ווי אַ גריכישע, אָבער אַצינד,
ווען ער געהט נישט אין רויטען מיצעל, נאָר אין עלעגאַנטע
קליידער, זעהט ער גאַנץ עלעגאַנט אויס, און זי האָט געבעטען
דאָס טאָכטערל, אַז זי זאָל איהר אויך פאָרשטעלען...

— נאָר דו זאָלסט ניט פּלוידערן אין דער־היים... האָט
זי איהר אָנגעזאָגט — דער טאַטע איז פון דער אַלטער וועלט
און ווייסט נישט פון אַזוינע זאַכען...

אין דערזעלבער נאַכט האָט שרה׳לע, אַהיים קומענדיג מיט
דער מוטער פון טעאַטער און אויסטהועענדיג זיך די שבת׳דיגע
קליידער — פאַר זיך אַליין נאָך איבערגעזונגען אַ סך ליעדלעך.
עפּיס איז איהר אויפ׳ן האַרץ פרעהליך און פרייער געוואָרען.
אפילו יענע פרעמדע ווייטקייט, וועלכע זי האָט נאָך ערשט מיט
עטליכע טעג צוריק געשפּירט, ווי זי טיילט איהר אָב אַזוי ווייט
פון דער־היים — איז ערשט עפּיס מיט איהר היים ווי נעהנטער
געוואָרען... פאַר דער מאַמען וועט זי שוין נישט דאַרפען גנב׳ע־
נען... נאָר פאַר׳ן טאַטען? — נישקשה, עס וועט קומען אַ
נאַכט, ווען ער וועט שלאָפען אַזוי האַרט אָט ווי אַצינד...

דער פאָטער האָפּט זיך אויף, פרעגט איבער עפּיס אונ־

טער דער נאָז, ווי פון שלאָף אַרויס, ער איז בייז, ער זידעלט: „טעאַטער, שמאַטער“... דערהויפּט אויף דאָס כּלה־מיידעל, וואָס זי שלעפּט זיך אַרום אַזוי שפּעט ביי־נאַכט, און ווען דאָס ווייב קומט אַריין צו איהם אין שלאָף־צימער, מאַכט ער מיט איהר אַ שמועס:

— הער נאָר, מייטעל, ווי זאָגסטו, אפשר וועלען מיר זי גאָר חתונה מאַכען?...

— וואָס, ווען, וועמען? — קוקט איהם דאָס ווייב אָן, ווי אַ משוגע׳נעם.

— דאָס קינד, דאָס קינד דיינס... מיין איך...

— אַ שוואַרצער חלום, אַ וויסטער חלום... וואָס איז דיר עפּיס איינגעפאַלען אַצינד, נאָך האַלבע נאַכט?... זאָג מיר, יצחק, האָסט חלילה עפּיס געזעהן שלעכטס פונ׳ם קינד, האַ?

— ניין גאָרנישט... גלאַט אַזוי...

— נו, טאָ שלאָף־זשע אין געהאַקטע וואונדען! — בענשט איהם דאָס ווייב, און פון הינטער׳ן שליסעל־לאָך פון הינטער דער טהיר שניידט זיך אַריין אַ געשטיקט, נאָר ווי אַ האַסטיגער אָנקום פון אַ שטראָם־פליצענדיג געלעכטעריל פון שרה׳לען: חי, חי, חי...

די באָבעשים אַברוּמעך.

די באָבעשי'ס אָבהיטען.

(ערצעהלונג).

צוויי באָבעשי'ס האָבען אַמאָל שטאַרק נישט געקענט רוהען פון דעם, וואָס זייער אייניקעל, אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן־פיערצעהן, שרה'לע האָט צ געהייסען, וואַקסט שוין אונטער און ס'איז זי נישט מעגליך צו פערהיטען פון מאַנסבילישע אויגען. זיי האָבען זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ און אַזוי פיעל געטראַכט וועגען דעם, אַז נאַכט אויף נאַכט האָט זיך זיי שוין אָנגעהויבען צו חלום'ן, אַז אָט כאַפט מען זי, אָט נעהמט מען זי — און געבען אַ קום אויף, אַלע מאָל אַנ'אַנדערע, פון שלאָף מיט אַ געשריי: הוא אלקים — שמע ישראל! ... און אויסגעגלאָצט די אויגען צום קינד מיט אַ צאַפּעל אין די הענד, צי דאָס קינד איז דאָ, צי דאָס קינד ליעגט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס האָט זיך זיי איינמאָל געחלום'ט, אַז אַ רויטער גוי מיט רויטע וואָנסעס האָט ביי זיי דאָס קינד אַוועקגעכאַפּט מיט געוואַלד און אַנטלאָפען דערמיט הינטער דער שטאָדט אויף אַ פעלד אַרוים...

דאָ איז שוין געווען אַ ביטער עסק און די ווייבער האָבען זיך עס שוין נישט געקענט שענקען. זיי האָבען אַ קודם געמאַכט אַ געוואַלד צווישען זיך, דאָס איינציגע מיטעל, וואָס זיי האָבען דערווייל געקענט טהון, און דערנאָך, צו מאָרגענס באַלד אין דער

פריה, אזוי ווי ס'איז נאר טאג געווארען, האבען זיי גענומען די פאטשיילעס אויף די קעפ און געגאנגען נאך עפעס טהון דערפאר.

– הייליגער רבי – זענען זיי צום רבי'ן אריינגעפאלען מיט א געשריי – עס האט זיך אונז גע'חלום'ט א שלעכטער חלום, און ס'איז נישט דא ווער עס זאל איהם פותר זיין, נאר פריהער גאט און דערנאך איהר.

– וואס הייסט – האט דער רבי געפרעגט – האט זיך אייך ביידע גלייך גע'חלום'ט?

– ניין, הייליגער רבי, נישט ביידע גלייך, נאר ס'איז איין חלום...

– נישט ביידע גלייך, נאר ס'איז איין חלום? הייסט עס, אז איינער האט ער זיך פריהער גע'חלום'ט און דער אנדערער שפעטער? נאר ס'איז איין חלום?

– ניין, הייליגער רבי; עס האט זיך נאר גע'חלום'ט איינער, נאר דער חלום איז ביידע'ס חלום.

– איך פערשטעה אייך נישט... – האט דער רבי שוין אזש א הויב געטהון מיט די אקסלען.

– ווי הייסט, הייליגער רבי, איהר פערשטעהט נישט?..

– נו, הכלל–מאכט דער רבי – איך פערשטעה אבער פארט נישט... נאר דערצעהלט שוין דערצעהלט, לאמיך שוין הערען וואס...

– הייליגער רבי. זעהר נישט קיין גוטער חלום, כ'האב איהם מורא פאר'ן מויל צו ברענגען.

– נו, וואס זשע ווילט'ץ פון מיר... איך קען דאך נישט פאר אייך דערצעהלען? – האט דער רבי זיך שוין געדרעהט אויפ'ן שטוהל.

– איך וויים, הייליגער רבי, אז איהר קענט נישט דערצעהלען... נאר וואס זאלען מיר אבער פארט טהון?!..

– טהוט וואס איהר ווילט! – האט דער רבי געזאגט – און

ס׳אנדערע וואו שטעהט עס געשריבען אז דער חלום איז א שלעכטער חלום? עס איז גאר נישט פערהאנען קיין שלעכטער חלום אויף דער וועלט – האט זיך דער רבי אנגעבייזערט, ווילענדיג זיי א ביסעל גרינגער מאכען אויף די הערצער – חלום׳ט זיך חלילה פון געשטארבען, לעבט מען לאנג, חלום׳ט זיך חלילה, אז ס׳איז יום כפור, האט מען פערגעבען די עבירות, און חלילה, אז דער בעליק האט זיך איינגעבראכען, איז א סימן, אז דער מאן וועט לאנג לעבען.

– ס׳טייטש, רבי, הייליגער רבי, מיר האבען דאך שוין קיין מאן נישט, נישט איך און נישט זי...

– הייסט איהר דאס, ניטעל, דאכט זיך?.. האט דער רבי געפרעגט.

– יא, הייליגער רבי, בת באשע... – האט איינע אונטערגעהאלפען.

– זענט איהר דאך, הייסט דאס...

– יא, די אלמנות... – האט די אנדערע אונטערגעהאלפען.

– און וואס האט זיך אייך גע׳חלום׳ט?

– אז א רויטער גוי מיט וואנסעס איז געשטארבען... – – האט זיך איינע עפעס פלוצלונג ארויסגעחאפט.

– הא – האט דער רבי זי געגעבען א קוק אן – אז א רויטער גוי מיט וואנסעס איז געשטארבען?..

– ניין, הייליגער רבי, אוי, דער קאפ איז דאך מיר אזוי פערהאקט, אז עס געהט מיר גארנישט ארוים מיין איינעקעל פון זינען, און איהר האט דא געשמועסט פון שטארבען, שונאי ישראל, איז דאך גלייכער איידער מיין איינעקעל, אז דער רויטער גוי זאל שטארבען...

– וואס פאר א רויטער גוי? – האט דער רבי געפרעגט שוין פערוואונדערט.

— ניין, הייליגער רבי, איך מיין גאָרנישט, נאָר איך זאָג נאָר גלאַט אַזוי...

— און ס'אַנדערע, וואָס פאַר אַ מחותן איז דאָ אַהער אייער אייניקעל? — האָט זיך אייך חלילה אַזוי געחלום'ט?..

— ניין, הייליגער רבי, עס האָט זיך מיר גאָרנישט געחלום'ט... נאָר מען האָט דאָ געשמועסט פון שטאַרבען...

— נו, טאָ איז גאָרנישט... — האָט דער רבי אָבגעריסען — נו, טאָ געהט זשע אַהיים געזונדטערהייט, ווייבער... וועט אייער אייניקעל לאַנג לעבען... — האָט דער רבי צוגעוואונשען, מיינענדיג, אַז דאָ האָט ער שוין געטראָפען, ווייל זיי האָבען מורא אויסצוזאָגען, אַז עס האָט זיך זיי געחלום'ט אויפ'ן אייניקעל, עס זאָל נישט הייסען אויסגעלעגט צום שלעכטען. און די ווייבער ווייטער מיינענדיג, אַז זיי האָבען שוין אַ ברכה פון רבי'ן זענען זיי אַוועקגעגאַנגען. נאָר אויפ'ן וועג זענען זיי זיך צוריק מישב, אַז זיי האָבען גאָרנישט גערעדט צו דער זאַך און פאַלען צוריק אַריין צום רבי'ן אין שטוב מיט אַ יללה:

— ס'טייטש, הייליגער רבי, מיר האָבען דאָך גאָרנישט גערעדט צו דער זאַך. וואָס טהוט מען מיט דעם קינד, עס לויפט דאָך אונז אַרום אויף אַלע לאָנקעס, אויף אַלע גראָזען, און איהר ווייסט דאָך, אַז ס'איז איין אויג אין קאָפּ — טאָ ווי אַזוי זשע זאָל די באָבעס האַרץ נישט אויסגעהן פאַר שרעק, אַ טאָמער חלילה אַ שייגעץ, אָדער אַ גוי... די שעה זאָל נישט זיין דערביי...

— ווי אַלט איז זי שוין? — האָט דער רבי געפרעגט.

— זי איז שוין אַלט קיין עין הרע 13 יאָהר, 14 יאָהר.

— פיערצעהן יאָהר? — האָט דער רבי זיך געוואונדערט —

— יאָ, יאָ, הייליגער רבי, פיערצעהן יאָהר.

— הייסט זי דאָך שוין קיין עין הרע אַ היבשע בתולה — האָט דער רבי געזאָגט.

— יאָ, אודאי... — האָבען זיך די ווייבער שוין שיער צוחליפעט.

— נו, מילא, נו, לאזט מען זי נישט ארומלויפען אליין.

— נו, וואס זאלען מיר טהון, הייליגער רבי?

— מען דינגט זי אן אין א חדר אריין. — האט דער רבי געזאגט.

— ס'טייטש רבי, איז זי דאך אבער איין אויג אין קאפ, אז מיר זעהען זי נישט א האלבע שעה, עקט זיך דאך שוין אונזער לעבען, און ווי אזוי קענען מיר אונזער איינעם קינד מיט אונזערע אייגענע הענד אליין אוועקגעבען פון שטוב ארויס?

— איך זאג, אז מען זאל אוועקגעבען! — האט דער רבי אזש א ציטער געטהון און ביי די ווייבער האבען זיך אויך האהר און נעגעל אויפגעשטעלט קאפויר — מען לאזט נישט אזוי א יידישע בתולה... — האט ער נאך אמאל א געשריי געגעבען.

די ווייבער האבען זיך איינגעקורטשעט, ווי די טרישצעקלעך און זענען בא'לד פון שטוב ארויס.

נאר געהענדיג האבען זיי שוין די קלאמקע פון דער טהיר נישט געפונען, אזא בלענדיגקייט און צומישטקייט פון שרעק איז אויף זיי געפאלען, און אין דרויסען ערשט זענען זיי שטעהן געבליבען פעראירטע און נישט געוואוסט, וואו זיך צו ווענדען, די האלב-טאגעדיגע ליכטיגקייט איז פאר זיי פינסטער געווען אין די אויגען.

— געוואלד — האט איינע אויסגעשריגען, אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל — רבונו של עולם, צי איז שוין דער גזר אזוי נאהנט?!

— שא, שא — האט זיך די אנדערע איינגעקורטשעט פאר שרעק — וואויוועט נישט אזוי...

— צי זעהסט דו דען נישט, ווי דאס אומגליק איז שוין אזוי נאהנט. אט האסט דו דאך געהערט און געזעהן, ווי אזוי דער רבי איז געווארען... ער האט דאך אזש אין גאנצען געציטערט — וועה איז מיר, וואס איז אונז דא צוהאנען געקומען!

און בײדע װײַבער האָבן זיך מישב געװען און צוריק אַרײַנגעגאַנגען צום רבי'ן.

— הײליגער רבי, הײליגער צדיק — האָבן זײ ערשט אַצונד רעכט אָנגעהױבן צו לאַרמען — איז עס שױן חלילה אַ גזר, זאָל עס צוריסן װערן!..

— װאָס פאַר אַ גזר, װאָס פאַר אַ צוריסן װערן?... — האָט שױן דער רבי אָנגעהױבן צו שמאַלען און געמאַכט מיט דער האַנד — װײַבער גזלנות'טע, װאָס האָט איהר זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט?

— הײליגער רבי, מיר װעלען נישט אָפּטרעטען — האָבן די װײַבער אַזש געחליפּעט, — ביז איהר װעט אונז נישט צוזאָגען...

— װאָס צוזאָגען און װען צוזאָגען? — און ער האָט זײ שױן טאַקי נישט געקענט פּטור װערען, ביז װאַנען ער האָט זײ פון דער טהיר אַרױסגעשטופּט אפשר מיט נײַנציג ברכות אױף זײער קאָפּ, אַז זײ זאָלען גרינג חאָװען דאָס קינד, האָבן אַ גרױס נחת פון איהר, און זאָלען איהר אױך אָנדינגען אין אַ חדר אַרײַן. — ס'איז גלײַכער — האָט דער רבי געזאָגט — אַ קודם אַ קינד, מילא, אַז איהר שרעקט זיך אַזױ פאַר איהר, אַלעהײַ זי װעט פערשפּאָרען אַזױ אַרומצולױפען.

שױן... די װײַבער זענען שױן אַהײם געגאַנגען אַ ביסעל רוהיגער.

אַ מלמד אין אַ חדר, מילא, דאָס איז געװען דאָס ערשטע זײ האָבן אפילו די מזוזות אױך אַראָבגענומען און געשיקט זײ צום סופר איבערזעהן; שרה'לען אַ בײַטעלע אױפגעהאָנגען אױפ'ן האַלז פאַר אַ קמיע, און דערנאָך ערשט האָבן זײ געהאַט נאָך אַ קלײנטשיק שטיקעלע אָפּעראַציע'לע, שרה'לען אַ ביסעלע מוסר צו זאָגען: אַז זי זאָל װיסען זײַן, אַז זי איז שױן נישט קײן קלײן מײדעלע, אַז זי זאָל זיך שױן פיהרען אַביסעל צניעות'דיגער, װי זי פיהרט זיך; נישט טאַנצען, נישט שפּרינגען איבער דער גאַס, װי עס פּאַסט

להבדיל פֿאַר דעם אַפּטייקערס, דעם שכנ׳ס שיקסלעך, וואָס שפּרינ־גען איבער רייפֿען, יאָגען זיך מיט באַלעמעס אין אַזוינע קורצע קליידלעך אַרום, אַז ס׳איז אַזש אַ חרפּה צוצוקוקען, און דערבײַ האָבען זײַ איהר אויך דערצעהלט פֿון אונזער מוטער שרה׳ן, וואָס גאָט האָט זײַ געהייסען, איהר מיט איהר מאַן, אברהם אבינו, גיהן אין אַ פֿרעמד לאַנד אַרײַן, און אויפֿ׳ן וועג האָט זי זיך פֿערשאַרצט אַביסעל דאָס קלייד, ווען זי האָט געדאַרפֿען אַריבער־שפּרײַזען איבער אַ וואַסער׳ל, און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל עס זיך נישט אײַננעצען, ערשט דעמאָלס האָט אברהם אבינו דערזעהן איהר שײַן לײַב, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אונטען אין וואַסער פֿון אונטער איהר קלייד אַפֿער, און אין וואַסער איז דאָס לײַב אויסגע־קומען נאָך שענער, ווי פֿון אַ שפּיגעל אַרויס...

— ווי אַזוי? ... — האָט שרה׳לע געפֿרעגט, בשעת מעשה אַ חאַפּ טהועגדיג דאָס קליידעל אין דער הויך, און פֿאָרשטעלענדיג זיך, ווי זי געהט איבער אַ וואַסער׳ל געבען אַ שפּרײַז אַריבער, האָט זי דערווײַל די פּיסלעך צושפּרייט.

— נו, שיקסע, חצופה, לאָז אָב... — האָט איהר דערווײַל אײַן באָבע געגעבען אַ פּאַטש איבער׳ן הענטעל, אין וועלכען זי האָט געהאַלטען דאָס קליידעל אויפֿגעהויבען.

שרה׳לע האָט אָבגעלאָזט דאָס קליידעל און אָנגעקוקט די אַלטע באָבטשעלעס פֿערוואונדערט מיט צוויי וואונדערליך שענע בלאָהע אויסגעשטעלטע אויגען, פֿאַר וואָס מען זאָל נישט טאָרען דאָס קליידעל אויפֿהויבען.

נאָר די באָבטשעלעס האָבען באַלד אָנגעהויבען.

— אַ מיידעל טאָר נישט אַזוי... כ׳האָב דאָך דיר ערשט דער־צעהלט פֿון אונזער מוטער שרה׳ן, ווי זי האָט זיך דאָס קלייד אויפֿ־געהויבען אַריבערצוגעהן איבער אַ וואַסער׳ל, האָט ערשט אברהם דעמאָלס געקענט זעהן, ווי שעהן זי איז. אָבער פֿריהער האָט זי איהם נישט געוויזען, אַ מיידעל טאָר נישט ווײַזען...

— קיינעם נישט? — האט שרה׳לע געפרעגט — אפילו א באבען אויך נישט?

— קיינעם נישט. אפילו פאר די ווענד אויך נישט...

שרה׳לע האט פערשוויגען, דעם שענעם קאפ מיט די ברעהמען אראבגעלאזט צו דער ערד — און דאס ערשטע מאל אין לעבען זיך ערשט פערטראכט וועגען דעם, וואס א מיידעל טאר נישט אויפהויבען דאס קליידעל און טאר נישט ארויסווייזען איהר נאקעט לייב...

עס האט איהר עפעס געדרעהט אין מוח׳ל, גענאגט אין הערצעל נאך אין דער זעלבער נאכט אויפ׳ן געלעגער — נאר מילא, אז מען טאר נישט, טאר מען נישט... און אויף צומארגענס אין דער פריה איז זי שוין געגאנגען אין חדר אריין.

דערוויל איז געוועזען א שענער טאג. די געבליטען האבען זיך געשיט פון די בוימער, און שרה׳לע געהענדיג שען אויסגעפוצט מיט א רויט ראזע בענדעל איינגעפלאכטען אין שענעם אויסגעקעמטען קאפ האהר, האט זיך דערוויל בעקאנט מיט א יונגעל אויף דעם זעלבען וועג אונטער א בוים — וואו דאס יונגעל איז געשטאנען און געהאקט מיט שטיינער אין די צווייגען אריין, אז די געבליטען זאלען זיך שיטען, און שרה׳לע זאל קלויבען...

זי האט אנגעקליבען א פול פארטוכעל, די בעקעלעך האבען זיך פעררויטעלט אזוי שעהן, און עפעס אזא שטיל שטום געפיהל האט זי צום יונגעל אנגענומען, אז זי איז די גאנצע צייט דרעהענדיג זיך ארום איהם אלץ נאר געווען שעמעוודיג מיט אראבגעלאזטע לאנגע זשענסעס איבער די אויגען, וועלכע זי האט נאר צייטענווייז אויפגעהויבען מיט א שטיל בליקעל פון אונטער׳ן שטערן אפער. און דעמאלס האט זי זיך שוין מיט דעם יינגעל נישט געשיידט אויף א גאנצען טאג און זענען ביידע פערבלאנדזעט געוואָרען אונטער׳ן בית־עולם ארונטער, דארט וואו ס׳איז אזוי שטיל, אזוי לעדיג, און דאס [illegible] אזוי ברייט צו רייסען טשאטשקעלעך..

שרה׳לע האָט אַלע טאָג געקליבען טשאַטשקעלעך מיט אַלערלײ בלאָהע און רויטע בליהמעלעך, נאָר עפּעס איז עס געװען אַזױנע בליהמעלעך, אַז שרה׳לע האָט זיך געשעהמט זײ אַהײם צו ברענגען פאַר די באָבעשי׳ס...

פון דעמאָלס אָן איז שרה׳לע געװאָרען אַ סך שטילער, אַ סך געלאַסענער, בעהאַלטענער אין זיך—און פלעגט מען שמועסען עפּעס פון טאַנספערשוין און נקבה, װי עס טאַכט זיך אַמאָל אין שטוב-פלעגט שוין שרה׳לע אַװעקגעהן אָן אַ זײַט, און די באָבטשעלע׳ס האָבען געזאָגט אויף איהר, אַז עס װאַקסט אַ צנועה גדולה, אַ כשר קינד... װי גאַנץ אָפט פלעגט זיך שוין אונטער שרה׳לעס װינקלען-ברעהמעלעך צו בעװײַזען אַ שעלמיש שמײכעלע אויף דעם רעכנונג פון די באָבטשעלע׳ס געניטשאַפט אין אַזױנע זאַכען...

אין ערווארטונג.

אין ערוואַרטונג.

אַ דראַמאַ אין איין אַקט

פּערזאָנען.

מײַטע.)
מינקע.) שוועגערינ׳ס, פּראָסטע ווײַבער.
נעכע.)

אברהמ׳עלע — מינקעס אַ יונגעל פון אַ יאָהר 6.

אַ קריסטען — אַ וועשין.

ערשטער שכן)
צווייטער שכן) קריסטען.

(אַ זומער-וואוינונג אין וואַלד, אַ רויט געפאַרבט הויז מיט ווײַסע געמאָל־טע טהירען און פענסטער און צוויי ווערענדעס, פערפלאָכטען מיט בעז און געשיצט אונטער׳ן שאָטען פון בוימער, וואָס שטעהען אַרום הויז, אַרום און אַרום — אַ פּלויט. איבער׳ן פּלויט רעכטס פון צושויער — צוויי הײַזלעך מיט איינציגע ווערענדעס און אָבגערוקט איינס פון דאָס אַנדערע אויף אַ צוואַנציג טריט, לינקס — אַ פאָרטקע אין וואַלד אַרײַן. און אין

דער אײגענער זײט אונטער דער סצענע — א שפּיץ דאך פון א װײטער־דיגען הויז, אין מיטען גארטען — א ברונען און א הױשטאװקע אויף שטריק צװישען די בוימער. א קישען ליעגט אונטער דער הױשטאװקע. פארנאכט. די זון געהט אונטער, פערזינקט אונטער'ן װאלד קעגען דעם בלייז פון צװישען די צװײ שכני'שע הײזלעך. די לופט, די שפּיצען בוימער און א האלבער גארטען מיט דעם שפּיץ דאך פון הויז און אײן װעראנדע מיט דער גאנצער זײט װאנד אונטער איהר — איז פערגאסען מיט א פורפורנער רויטקײט פון די לעצטע שטראהלען. דער הימעל אויף מערב־זײט װערט װאס אמאל רויטער, פלאמען צוגיסען זיך. דער װאלד דאכט זיך, ברענט).

ערשטער אויפטריט.

מײטע, מינקע, נעכע, אברהמ'עלע.

מײטע (זיצט אויף דער ערשטער װעראנדע מיט'ן פנים צו זון־אונטערגאנג. דאס געזיכט—רויט בעלויכטען. קוקט טריב אין װאלד אריין).

מינקע און נעכע (זיצען אויף דער צװײטער װעראנדע קעגען איבער, הארט אײנע נעבען דער אנדערער, אנגעשפּארט די קעפּ אן דעם אנלעהן פון דער באנק — די געזיכטער בלאס, אײנגעהילט אין שאטען, שטארק אומעטיג).

אברהמ'עלע (נעבען דער מוטער, מיט'ן קעפּיל אין איהר שויס אנגעלעהנט).

מײטע: אפילו קאפּ־העגער קענען שוין אויך פערמאוסט װערען...

מינקע און נעכע (קוקען זי אן).

מײטע: קענען דעם... דער גוי קריכט שוין צופיעל אין די לעבער אריין...

נעכע: דער שכן, דא?...

מײטע: דער!... (װײזט מיט דער האנד איבערן ערשטען הײזעל).

מײטע (דרעהט איבער דעם קאפ): אָן זײערע קעפּ זאָלען זײ דאס דערלעבען, וואָס זײ ווילען אָן אונז דערלעבען...

נעכע (שאָקלענדיג מיט'ן קאפּ): דער אױבערשטער וואַרט אזױ גוט דעם רשע, ווי דעם צדיק...

מינקע (מיט א בלאסען שמײכעל): דער אױבערשטער וואַרט... ער וועט דאַכט זיך וואַרטען אזױ לאַנג, ביז עס וועט איהם, חלילה, קײן אײנציג יודעלע נישט בלײַבען...

מײטע: אונזער בעל-גוף אלײן וואָלט אלע טאָג אַנדערע צעהן יודען אױסגעשטאָכען...

מינקע: אַ שענע וועלט... אזאַ גוי זאָל קענען אונז אין די אױגען זאָגען: פאַר אײַך יודעלעך איז ביאליסטאָק נאָך ווע-ניג...

(פּױזע)

נעכע (צו מײטען): און וואָס האָסט דו געמאַכט מיט איהם?...

מײטע: כ'האָב איהם געמוזט געבען —— —— אױך מײַן דאגה —— —— פריהער צו שפּעטער, בעצאָהלען דאַרף מען דאָך...

נעכע: שױן דאָס גאַנצע דירה-געלד?

מײטע: דאָס גאַנצע. שױן ביז צום סוף —— אַ גוי, אַ בײַזער שלאַנג... לאָז מיר בעסער פערפעהלען, אײדער איך זאָל האָבען מיט איהם צו טהאָן... דאָס גאַנצע געלד אױף אײן מאָל, האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט: בײַ איהם איז הײַנט „קרױ-נעם" (פּױזע). פלאַשען אַ ביסעל, בראָנפֿענס אַ ביסעל...

נעכע: וואָס רעדן, בײַ זײ!...

מינקע: נו... און מילך וואו וועסט דו נעהמען?...

מײטע: בײַ דעם שכן —— נישט בײַ איהם! איך האָב איהם געזאָגט: איך קען מיך מיט'ן שכן נישט צוקריגען. ער קומט טײלמאָל בײַנאַכט אַ קוק טהאָן, וואָס מיר מאַכען...

ער איז אונז א גוטער פרײַנד — א ליאדע וואס בײַנאכט — איז ער שוין אין דרויסען...

מינקע: נו... ער האט זיך נישט געווארפען, דער בעל-גוף, אז דו האסט איהם אבגעזאגט?...

נעכע: עס האט'ן געמוזט קרענקען?...

מײַטע (בעדענקענד): נו, וואס פאר א ברירה האב איך געהאט?...

מינקע: אודאי! מען קען זיך נישט צוקריגען מיט'ן שכנ'ס ווײַב, האטש איין שכן א גוטען פרײַנד... ס'אנדערע, ער היט דאך אונז טאקע אב... און אונזער בעל-גוף — מען זאל אונז, חלילה, אויסשעלטען מיט די קינדער, איז אויך נישט זײַן דאגה.

אברהמ'עלע (הויבט אויף דאס קעפיל): מאמע... מאמע... וועמען?...

מינקע: וואס?...

אברהמ'עלע: שעלטען...

מינקע: נארעלע... נישט אונז מײַנט מען... (טוליעט איהם צו זיך).

אברהמ'עלע (נעהמט די מוטער ארום, פערבארגט דאס קעפיל אין איהר ארעם).

נעכע (צו מײַטען, מיט א וואונק אויף אברהמ'עלען). אזא שוואלב, נעבעך...

מײַטע: האסט מורא?

מינקע (פערבײַסט מיט די ליפען, טוליענדיג אברהמ'לען): ניין... ניין... אברהמ'עלע איז א וואויל יונגעלע!...

(לאנגע פויזע).

(אלע פערטראכטען זיך, ס'ווערט טונקעל).

אברהמ'עלע (הויבט לאנגזאם אויף דאס קעפיל, קוקט אויף מערב-זײַט פערטראכט): מאמע... מאמע... דארטען שמײַסט מען די רשעים מיט פײַערדיגע ריטער?...

מינקע: יאָ, אברהמ'עלע... אלע רשעים, וואָס ווילען ייִדען שלעכטס טהאָן... (צו נעבען און מייטען אויפ'ן האַנגק): יאַקי אָן מאַנדרי!..."

(פּויזע)

אברהמ'עלע: דער הימעל איז אזוי רויט — — אזוי רויט — — מאַמע... מאַמע... און פאַרוואָס קומט נישט דער טאַטע, זיין מיט אונז?...

מינקע: ער וועט קומען, אברהמ'ישי... ער וועט קומען... אויף שבת, מען זאָל עם דערלעבען...

אברהמ'עלע: אז גאָט וועט מאַכען שבת מאָרגען — וועט ער קומען מאָרגען?...

מייטע: נאַריש קינד מיינס... (גלעט איהם צערטליך).

נעכע (מיט א געלעכטער'ל): וואָס פרעגט ער, דער קלוגער זוהן דיינער?... (גיט איהם א קניפּ אין בעקעל).

מינקע: אַ קינד... אַ דאגה וואָס...

אברהמ'עלע (צו דער מוטער): און גאָט וועט אונזער שכן (וויַיזט מיט'ן הענדטעל אויפ'ן ערשטען הייזעל) אויך שטראָפען אויף יענער וועלט?...

מינקע: ניין, אברהמ'ישי... ער וועט אזוי פערפוילט ווערען... מען וועט איהם גאר נישט נעהמען צום משפּט...

אברהמ'עלע (פערטראַכט): נאָכ'ן טויט וועט מען איהם בעגראָבען אין א פינסטערן גרוב...

מינקע. יאָ...

אברהמ'עלע: און ער וועט שוין נישט קענען אָנרייצען די הינד אויפ'ן טאַטעשי?...

מייטע: ניין...

(פּויזע)

(ס'ווערט טונקעלער. שטיל. די נאַכט פאַלט צו. אויף דער וועראַנדע פון ערשטען שכנ'ישען הייזעל קומט אַרויס א גוי, האַלב נאַקעט און

אין די בלויז העמד-ארבעל , איין עלטערער, מיט באקען-בערד , א גאל-גלאטען קאפ אפער , אין א פאר פאנטאפלים , שלייכט זיך לייכט , קוים בעוועגליך) .

דער שכן (שלייכט זיך אראב פון דער וועראנדע אונטער דער וואנד פון הייזעל , רופט) : ביונעק-נא ! סיריק.נא ! (עס דערהערט זיך דאס וואר-פשען פון א הונד אונטער דער סצענע) .

אברהם׳עלע (הויבט אויף דאס קעפיל און קוקט נייגעריג פון וואנען דאס קול קומט) .

מינקע : שרעק דיך נישט נארעלע ... (שפארט איהם צוריק אן דאס קעפיל אן זיך . צו נעבען) : אזא קינד, נעבעך ... (בלאזט איהם אב , טוליעט איהם צו זיך) . וועה צו דער מאמען ... ווי דאס צאפעלט ... אזא פייגעלע ...

(א שיקסע מיט צולאזטע האהר , א דיק געזיכט , ברייטע פולע ברוסטען און פערשארצט די ארבלען , טראגט דורך א גרויסע פול-אנגעגאסענע שיסעל . א ווילע איז שטיל. באלד הערט זיך א געחלאפטשעריי פון די הינד אפער דער וועראנדע . דער שכן קוקט זיך צו מיט פערגעניגען צו דער וועראנדע , וואו די ווייבער זיצען , און געהט צוריק אוועק אין שטוב, עפעס ווארטשענדיג צו זיך. עס ווערט נאך שטילער, דאס חלאפטשען פון די הינד טיעפער — ס׳ווערט נאך פינסטערער) .

מייטע : אויף אזוינס האב איך מיך נישט געריכט — אזא זומער צו פערברענגען !...

מינקע : קענען וואס מיינסט דו ?

מייטע : קענען דעם — וואס האט מיר גאר געטויגט דאס גאנצע זומער-וואוינונג ... א מאנספערשוין נאר אנצוזעהן פון שבת צו שבת, און טיילמאל דאס אויך נישט ...

מינקע : אודאי — ווייבער אליין ... וואס, אימשטיינס-געזאגט , האבען זיי פאר א בעטרעף ! ... וואס זענען זיי געאכט ...

נעכע : ציטערן פאר א ליאדע שארך .. פאר א גוי ... פאר א הינדטעל אפילו ?

מײַטע: די מאַנען אונזערע זענען דאָך אויך נישט קיין גרויסע בריות... פונדעסטוועגן איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש— פּאָרט מאַנסלײַט..! און שבת איז אַ סך פרײַער...

מינקע: און צי וואָס האָב איך נאָך געדאַרפט דאָס זומער-וואוינונג?... מילא, דו — — ביזט דו חאָטש אַ גאַנצן ווינטער קראַנק געווען, אָבער איך?...

מײַטע: אָבער איך?... וועמען דערצעהלסט דו מעשיות?— עס קומט אויס, אַז איבער מיר ביזט דו אַרויסגעפאָהרען, גלײַך דו וואָלסט עס גאָר נישט געדאַרפט... — — — האָסט נאָך וועניג צוטהאָן געהאַט מיט רפואות? און זאָגסט גאָר קיינמאָל נישט: „דאָס הצרך?..." האַ? — —

מינקע: עט... אַז מ'וויל, איז עס אַ נאַרישקײַט... איז נישט כּדאי איבער דעם צו זיצען שטאָק אַליין, און איבערצוטראַכטען ווענען די אַלע שענע מעשיות, וואָס הײַנט טהוט זיך אָב...

נעכע: וואָס טויג אונז שוין די רייד?... די מאַנען האָבען גלאַט געשײַנט פון גליק... וואָס זיי קענען אונז אַרויסשיקען אויף אַ זומער-וואוינונג, צום סוף האָבען מיר נאָך צו ריידען...

מינקע: אַלץ וואָלט שוין נישקשה געווען... נאָר די נאַכט... די נאַכט!..

נעכע (צו מינקען): דאָס ביזט דו די נאַכט אַראָבגעגאַנגען צו דער טהיר זיך אײַנהערען?...

מינקע (שווײַגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

מײַטע: וואָס איז דען דאָ מורא צו האָבען?... די פּים זאָלען זיי פריהער צובּרעכען, די חוליגאַנעס, איידער זיי זאָלען אַהער טרעפען!...

מינקע: מילא... מען פערלאָזט זיך טאַקי אויף גאָט... אָבער אַ קודם... מען איז דאָך נאָר אַ מענש... איך מיין, מען איז דאָך אומעטום בײַ גאָט אין דער האַנד...

מײַטע: און וואו אַ שטיינער קען מען הײַנט אָבער זיין?... אָט זענען מיר אַנטלאָפען פון שטאָט אַרויס... און אַ שטיק

דערזיבער טאקי... וואס קען שוין זיין גוט, אז מיר אין די אויגען פאלט א מענש געשאסען אויף דער גאס. די אויגען זאלען אונזס נישט זעהן, רבונו-של-עולם, ווי דער מענש האט זיך געראנגעלט ליעגענדיג אין זיין אייגען בלוט —— און מיט'ן קאפ האט ער נאך געדרעהט פאר גרויס יסורים... (מיט פערשטיקטע טרעהרען) און דאס אומגליק יאגט אומעטום נאך... שטעהט אומעטום אונטער די פלייצעס...

(פויזע)

נעכע (פערטראכט ארומקוקענדיג זיך): די נאכט פאלט צו... דער טאג ווערט קלענער...

מינקע: יא... קלענער... (קוקט זיך איין אין אברהם'עלעס געזיכט). א בלאס קינד, נעבעך... אויף דער שוים איז דאס מיר אנטשלאפען געווארען...

נעכע (ווייזט מיט א פינגער): שא... וועק איהם נישט.

(לאנגע פויזע)

(א שטילקייט, וואס אמאל קוקט זיך איין אנדערע אום צווישען די בוימער, און הערט זיך איין צום שארכען פון די בלעטלעך).

מייטע: מען וואלט שוין אפשר געדארפען אנצינדען פייער?...

מינקע: איך געה באלד אריין, לעגען דאס קינד שלאפען, וועל איך אנצינדען.

מייטע (שטעהט אויף): איך געה שוין... וועל איך אין איינוועגס א קוק טהאן צו מיין אוצר אויך... פון א שטיק פארנאכט אן שלאפט עס נעבעך...

מינקע: געהסט?... גיב-שוין דארט א בליק צו מיינס אויך...

מייטע: גוט... (געהט אב פון איהר ווערענדע דורך דער כהיר אין שטוב אריין).

מינקע (צו נעכען): און ס'איז דען נישט ריכטיג ווי גאלד, מײנסט דו ?...

נעכע: וואס?

מינקע: אט דאס, וואס זי דערצעהלט דא... וויפיעל מאל, דעם ווינטער, איך פלעג ארויסגעהן פון שטוב און טראכטען פלעג איך: ווער ווייסט, צי וועל איך זי נאך אנקו-קען... אז איך בין שוין געשטאנען ביי דער טהיר מיט דער פאטשײלע אויפ'ן קאפ, פלעג איך מיך נאך צעהן מאל אומקוקען אויפ'ן ביסעל ארימקייט, אויף די קינדערלעך... קיינער ווייסט נישט, וואס אונטער די פלייצעס געהט איהם נאך... א טאמער, חלילה, חאפט מען מיך פון די גאס אראב אין וועלכען שפיטאל אריין —— פלעג איך מיך טיילמאל אזוי אין די מחשבות אבגעזעגנען מיט דער שטוב... דערמאן דיך נאר דעם ווינטער, ווען מען האט זיך געריכט אויף א פאגראם. א גאנצע נאכט בין איך אבגעזעסען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט... ער, דער מאן, איז מיעד. די קינדער —— דעסגלייכען. אלע שלאפען. אין גאס איז אזוי פינסטער, חושך, מען זעהט קיין לעבעדיגען הונד נישט. א מאוסע נאכט געווען. דער רעגען האט נישט אויפגעהערט צו קלאפען אין די שויבען אריין, נאר וואס אין גאס האט געפלישטשעט א לאמטערן, איינע, איין איבערגעבלי-בענע פון אלע אויסגעהאקטע... האב איך נאר געקוקט אויף דעם פייערל... דער ווינד האט עס געלאשען, און איך האב געציטערט מיט דער נשמה: אט קומען אן חוליגאנעס, אט לע-שען זיי אויס די לאמטערן, כדי עס זאל זיין נאך פינסטערער, מען זאל אפילו נישט זעהן וואו צו אנטלויפען... קיין מאמע אין דער וועלט היט שוין נישט אזוי די נשמה פון איהר קינד, וואס האלט איהר ביי אויסגעהן אויף די הענד, ווי איך האב דאס פייער'ל געהיט... —— ערשט שפעט, גאר שפעט... דורך דער וואנד פון שכן האט שוין דער זייגער געשלאגען פיער, האב איך מיך ערשט צוגעשפארט אין אנטהאן...

נעכע: און קיין זעלבסט-שוץ איז נישט געשטאנען ביי אייך אין טויער?...

מינקע: תחילת נאכט איז עפּעס יאָ געשטאַנען... איז געווען מעהר געליאַרם, ווי עפּעס... און אַ טאָמער האָט עמיצער אַ רודער געטהאָן בײַ'ם טויער, זענען זײַ אַליין אויך דערשראָקען געוואָרען... וואָס קען אַ שטײַגער מײַן מאַן, צי דײַן מאַן טויגען צום שלאָג? אויסגעבליכט, אויסגעמאַטערט — דו ווײַסט דאָך... און מען שטעלט אַזוינס אַנידער אויף דער וואַך...

נעכע (אָבזיפצענדיג): איז טאַקי נישט גוט...

(פּויזע).

(אין שטוב ווערט דערוויַיל רויט-ליכטיג פון אַן'אָנגעצונדענעם הענגלאָמפּ, וואָס הענגט קעגען-איבער דער אָפּענער ט ר פון דער ווערענדע. אַ פּאַס ליכטיגקײַט פאַלט דורך דער אָפענער טהיר און צולעגט זיך טיעף אין גאָרטען אַרײַן. שטיל).

מײַטע (בעווייזט זיך אויף דער שוועל, וואו מינקע און נעכע זיצען, בעמערקט דעם הימעל): וואָס פאַר אַן'אויסגעשטערנטקײַט הײַנט איז...

מינקע: יאָ... אַ שענע נאַכט... (פּויזע) מײַטע —— הײַסט דאָרט געקערט אין אײַנוועגס אַ בליק צו טהאָן צו מײַנע, ווי זי שלאָפט...

מײַטע: ניש'קשה, דאַרפסט מיך נישט לערנען. איך האָב זי איבערגעלעגט צו מײַן קינד אין בעטעל. זי איז געלעגען אַזוי אין עק... (שמײכלענדיג) אײַן דרעה, חלילה, קײַקעלט זי זיך אַראָב, ווי אַ בארעלקעלע...

מינקע: און אברהמ'עלען מוז מען אויך געהן לעגען שלאָפען. אַ גאָלדען קינד... ווען צו דער מאַמען... ווי ס'איז נעבעך אײַנגעשלאָפען... (געהט לאַנגזאַם מיט'ן קינד אויף זיך אין שטוב אַרײַן).

מײַטע (פערנעהמט איהר אָרט):

די זעלבע (שפּעטער), די וועשין (דערנאָך), מינקע.

מײַטע (קוקט זיך אַרום איבער'ן גאָרטען. כמעט ווי צו זיך אַליין): אַ מין שטיל-שווײַגען ס'איז עס אין דער הײַנטיגער נאַכט?!...

נעכע (אויך מיט איינגעטיעפטע בליקען צו דער פארטקע) : וואס אי ? . . .

מינטע (שטיל) : עפּיס רודערט דארט , דאכט . . .

(ביידע הערען זיך איין מיט איינגעהאלטענעם אטעם, קוקענדיג צו דער פארטקע).

(אונטער'ן פלויט שלייכט זיך אין דער-פינסטער א שטילע פיגור פון א מענש , דרעהט זיך און גראבעלט עפּיס ביי'ם טהירעל. דאס טהירעל עפענט זיך און די פיגור שלייכט זיך ארײן אין גארטען לאנגזאם , קומענדיג צו דער ווערענדע) .

מינטע (איבערראשט) : חטא טאם ?!

נעכע (שפּרינגט אויף) .

די פיגור (שלייכענדיג) : „דאברי וועטשור !..." (בלייבט שטעהן פאר דער ווערענדע , אנ'אלטע, איינגעבויגענע , מיט א דערע אויפ'ן קאפּ , מיט אויסגעשטעלטע שטילע אויגען) .

מינקע און נעכע : די וועשין ! . . . די וועשין ! . . .

נעכע (לאזט זיך צוריק אראב אויף דעם באנק, אטעמט אב. צו זיך אליין) : צו איהר קאפּ , צו איהרע הענד און פיס . . .

מינקע : זיין , „פאניע" . . . (מאכט איהר אנ'ארט , נעבען זיך) .

וועשין : דאנק . . . דאנק . . . (מיט א געלעכטעריל) די „פאניע" , זעה איך , האט זיך דערשראקען ? . . .

מינטע : דערשראקען ? . . . וואס עפּיס דערשראקען ? . . .

נעכע : פון וואנען „פאניע" , קומסט דו אזוי שפּעט ? . . .

וועשין (ארויפקריכענדיג אויף דער ווערענדע) : הא , הא . . . איהר ווייסט געוויס , „פאניע" . . . (זעצט זיך) אונזער „שינשיאר" , דער „גאספּאדארושי" אייערער האט דאך היינט געמאכט „כשטשינים" . . . האב איך מיך דא צוגעקוקט א ביסעל דורכ'ן פענסטער . . . א שען ביכעל „פּיאקיס" האט ער זיך דאס פערבעטען . . . ס'גאנצע דארף גנבים . . . (פייפט) טאק , טאק . . . מאאי זלאטשי" . . . ביי אלע זענען שוין די פנימ'ער אנגעצונדען פון טרינקען . . . מען צולעגט אוש די פארלאגע — אזוי האפּעט מען ! . . .

מינקע (בעווייזט זיך אויף דער שוועל, קוקט זיך שטיל איין): ווער איז עס... די וועשין?...

מיניטע: די וועשין...

מינקע: עס האט זיך מיר געדאכטען, עפעס אזא אונבעקאנט קול...

(פויזע).

מיניטע (צו דער וועשין): אזוי פיעל האט מען אנגעגרייט?...

וועשין: נישט פון קיין ערליכקייט, מאיא זלאטא... (שאקעלט מיט'ן קאפ).

מינקע: און פארוואס, „פאניע", ביסט דו נישט דארט?...

וועשין: איך?... עט —— וואס האב איך נאך דארט?... מען ווערט נאך נישט רייך מיט א גלעזעל בראנפען צי מיט א שטיק שטריץ!... נישט אמת, „פאניע"?...

מיניטע (שאקעלט איהר צו): אמת...

וועשין: איך וועל אייך זאגען, מאיא זלאטא... איך האב מיך ליעבער בעסער מיט יודען גוט צו פערהאלטען, ווי מיט אונזערע... וואס זענען מיר אונזערע?... ווייסען זיך נאר אליין גוט אנצופרעסען, אנצוטרינקען... און מעהר נישט!..

נעכע (צו מינקען אויף יודיש): זי וועט מיר שוין דא היינט אנהאקען א קאפ —— נו, נו...

מיניטע: וואס ארט דיך... גוט ס'איז א ביסעל היימליכער...

וועשין (קוקט אין די אויגען אריין, קוקט אין די מעלער אריין).

מיניטע: איך זאג, „פאניע"... אז דו ביזט דא, איז אונז היימליכער...

וועשין: „נאטוראלניע!..." (פויזע). איך האב גאר פערגעסען צו דערצעהלען... וואס מענשען דערצעהלען זיך אן פון ביאליסטאק!...

מינקע און נעכע: וואס? וואס?

ו ע ש י ן: וואָס פרעגט איהר נאָך?... (שאָקעלט בערויזע־רענד מיט'ן קאָפּ). נישט נאָר די חוליגאַנים אַליין האָבען דאָך גע־הרג'עט די יודען... דאָס „וואויסקאָ" האָט דאָך אויך צוגע־האָלפען... (פּויזע).

ו ע ש י ן (צו־שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ): „טאַק, טאַק, מאָאי זלאָטשי..."

מ י נ ק ע (אראָבגעהענדיג פון דער שוועל נעהנטער צו דער ווען־שין): גלויב נישט „פּאַניע", וואָס מענשען באַטשקען דאָרט... דער קיסר וויל נישט, מען זאָל שלאָגען יודען... וואָרום די אַלע וואָס שלאָגען די יודען, קוקען שוין דערנאָך די ליכטיגע שיין נישט אָן... ווערען פערשיקט אויף אייביג...

ו ע ש י ן: עט „פּאַניע" —— וואָס דו רעדסט דאָרט... די זעלנער אַליין, מיט די ביקסען, מיט די שטיקעס, האָבען דער'הרג'עט!... און דער „צעסאַרזש" אַליין וויל דאָס!... „בּאָ וושיסטקי זשידזשי סאָציאַליסטשי סאָן!..."

מ י י ט ע (טהוט א מאַך מיט דער האַנד צו מינקען): לאָז שוין געמאַך... טענה שוין בעסער נישט איין... (מאַכט איהר אַב־אָרט נעבען זיך) זעץ דיך, מינקע...

מ י נ ק ע (זעצט זיך).

(אַ דריקענד שווייגען).

ו ע ש י ן: איהר ווייסט, מאָאי זלאָטשי... מען האָט דאָך אונז אויך געגעבען „פּאָזוואָלענסטוואָ"...

אַ ל ע (חאַפּען זיך אויף): וואָס געגעבען?...

ו ע ש י ן: פּאָליציי האָט אונז געגעבען „פּאָזוואָלענסטוואָ" אויף זעקס שעה...

מ י נ ק ע: ווּעמען? —— די היעגע גוים?!...

ו ע ש י ן: די היעגע... די היעגע... דאָס גאַנצע דאָרף!

מ י נ ק ע (פערוואַרפט דעם קאָפּ צום אָנלעהן, בעהאַלט דאָס פּנים אין די הענד).

מיִיטע און נעכע (קוקען זיך אָן, ווי צומישטע, צו דער וועשין): און וואָס זאָגען זיי?... די היִעגע, וואָס...

(פּויזע).

וועשין: מען זאָגט דאָך אָבער, אַז מען האָט געפונען אונזערן אַ גע'הרג'עטען, וואָס די יודען האָבען איהם דער־הרג'עט אונטער דער סטאַציע...

מיִיטע און נעכע: וואָס? וואָס?

מינקע: מיר יודען וועלען אַנ,,אייערן" הרג'ענען?...

וועשין: איך ווייס... אונזערע זאָגען...

מינקע: אָבער דו ,,פּאַניע", זעהסט דאָך... קומסט דאָך צווישען יודען... ווען טהוען זיי פּאַר אַ שלעכטם?...

וועשין: ,,פּראַוודאַ"..., איך זאָג זיי דאָך, די פּויע־רים... (פּויזע).

מינקע (צו נעכע'ן און צו מייטען, אויף יודיש): אָט אַזוי, זעהט איהר, בעגראַבט מען ס'ביסעל יודעלעך...

נעכע און מייטע: אַ גאָטס שטראָף, אַ גאָטס שטראָף, איז אויף אונז אויסגעגאָסען געוואָרען, מעהר ווי אויף דער גאַנצער וועלט...

וועשין (שטעלט זיך אויף, ציהט אַראָב דאָס פאַרטוך, מאַכט זיך גלייך צום פאַרגעהן, צו מינקען): איך האָב דיך געוואָלט עפּיס בעטען, ,,פּאַניע"... צו דער וועש, וואָס איך האָלט אין מיטען אויסרייבען, פעהלט נאָך צו זייף מיט זאָדע — זאָלסט מיר געבען עפּיס געלד, ,,פּאַניע", וואָלט איך שוין אליין צוגעקויפט...

מינקע: פאַר וויפיעל פעהלט נאָך צו?..

וועשין: פאַר אַ גילדען איינגאַנצען...

מינקע (נעהמט אַרויס פון קעשענע קליין געלד, בויגט זיך אָן צו דער שיין, וואָס שלאָגט אַרויס דורך דער אָפענער טהיר, קלייבט און דער־לאַנגט דער וועשין):

וועשין (נעהמט): ,,טאַק..." (קוקט זיך נאָך אַרום, בליקט אין שטוב אַריין) ביי אייך איז דאָך פאַרהאַן אַ זייגער?...

(צו אלע) אַ גוטע נאַכט , אַ גוטע נאַכט ! (קריכט אַראָב פון דער טעראַנדע, צוהאלטענדיג זיך בײַ דער װאַנט. פערזינקט לאַנגזאַם טיעף אין דער פינסטערניש...)

מ י נ ק ע : אַט האָבען מיר , זעהט איהר, געהאַט אַ צושמעלץ צו די צרות . מעגען מיר שוין מאַכען דאָס פעקיל אין שטאָדט אַרײַן...

מ ײַ ט ע : און אין שטאָדט ביזט דו זיכער?..

מ י נ ק ע : שטאַרבט מען האָטש צווישען אײַגענע .

מ ײַ ט ע (זיפצט אָב) .

נ ע כ ע (אויך) .

(פ ױ ז ע)

נ ע כ ע (ערוואַכט) : וואָס האָט זי געוואָלט, די גויה?..

מ י נ ק ע (אומעטיג) : איך ווײס ! אויף זאָרגע האָט זי געדאַרפען...

נ ע כ ע : איז זי עקסטרע בײַנאַכט געקומען? און וואָס איז זי געקראָכען אין שטוב אַרײַן?..

מ י נ ק ע : אַ קוק טהאָן אויפ'ן זײגער .

נ ע כ ע : און איהרע צווײ זיהן זענען די ערשטע גנבים ; די ערשטע מעסער-שטעכער...

מ ײַ ט ע : טאַקי די ערשטע גנבים .

מ י נ ק ע : נו, וואָס אַרט דאָט וועמען?..

נ ע כ ע : גאָרנישט... נאָר צו וואָס האָט מען זי געדאַרפען אין שטוב אַרײַן, אַז זי זאָל אויסקוקען יעדערס ווינקעלע?..

(פ ױ ז ע)

(אַלע דרײַ האַפען זיך פלוצלונג אויף . אַ װײַל ליכטיגקײַט דרינגט אַרײַן אין גאָרטען פון אונטער'ן הויז אָפער. עס הערען זיך שבור'ע קולות פון דאָרט מיט אַ געזאַנג) :

„אוי-דאַ-נאַ, אוי-דאַ-נאַ"...

מינקע (מיט אויסגעשטעלטע אויגען. שטיל) : וואס קען דאס זיין?..

מײטע : נעכע, גארנישט!.. גארנישט!..

מינקע : איהר הערט נישט... (וויל אויפשטעהן)

מײטע : געה נישט... דאס זענען דאך די געסט... אנגעשכור'ט...

מינקע : אבער וואו קענען זיי געהן?..

נעכע (וויל אויך אויפשטעהן).

מינקע (שטיל) : געה נישט... געה נישט...

מײטע : ווייסט איהר וואס... איך וועל אליין צוגעהן...

(געהט צו צום פלויט, קוקט אדורך).

מינקע (נאך איהר) : נו?

נעכע : נו?..

מינקע (אנטקעגען זיי) : גארנישט... גארנישט... ס'איז נישט גארנישט... שכור, מוז זיין, זענען זיי ארוים פאר דער טהיר מיט די לאמפען...

מייטע : אזוי ליכטיג ... (בגויט צו דעם קאפ צו די שטארביי-טען, קוקט).

נעכע : וואס טהוען זיי?...

מינקע (וויל ארויפקריכען).

מייטע (ציהט זי צוריק) : וואס קוקט איהר? ס'איז גאר-נישט ... זיי זענען ארוים פאר דער טהיר מיט די לאמפען אין די הענד ...

מינקע : מײטע, זעה נאר ... זיי לויפען עפעס ארום ... ארום די לאמפען ...

מייטע : נו וואס אי? די שיקסעם לייכטען צו ... שכור — לויפען זיי!.. קומט צוריק, קומט ... לאמיר זיך זעצען ... (ציהט זיי צוריק אוועק אויף דער ווערענדע, זעצען זיך).

(דאס געזאנג און די קולות הערען נישט אויף, און זיי הערען זיך איין קוקענדיג איבער'ן פלויט, מיט שטילע פערטיעפטע געזיכטער).

(עס דערהערט זיך א שארך אין גארטען. אלע דריי קוקען זיך האסטיג אום, צווישען די בוימלעך נעבען צוויישען שכנ'ישען גארטען רודערט זיך עפים א פיגור אין דער-פינסטער).

מ י ַ ט ע (קוקענדיג אמאל אויף מינקע'ן, אמאל צווישען די בוימער. שטיל): וואס קען דאס זיין ?...

נ ע כ ע (נאך שטילער): דארט ... דארט ...

מ י נ ק ע: גארנישט ... מן הסתם רודערט עפים ...

ד י פ י ג ו ר: (גיט זיך א האסטיגען רודער. וואקסט פלוצלונג אויס העכער צווישען די בוימלעך).

א ל ע ד ר י י (אומרוהיג): כטא טאם ?... כטא טאם ? !..

ד י פ י ג ו ר (פון צווישען די בוימער): יא !..

א ל ע ד ר י י (צורודערט. הויבען זיך און זעצען זיך צוריק): פאן סטאניסלאוו ! !

ס ט א נ י ס ל א ו (קומט לאנגזאם צו דער ווערענדע): גוט אווענד !..

א ל ע ד ר י י: גוט אווענד ! גוט אווענד, פאן סטאניסלאוו !

מ י נ ק ע: זיץ, פריץ ! (מאכט איהם אנ'ארט נעבען זיך).

(די קולות ווערען ביסלעכווייז פערשטומט).

ס ט א נ י ס ל א ו: דאנק ! (זעצט זיך). וואס זיצט איהר היינט אזוי לאנג ? עס שלעפערט אייך נישט ?

מ י נ ק ע: ווייסט נישט, פריץ —— מען זיצט — זיצט מען ...

מ י י ט ע: וואס הערט זיך, פריץ ?...

ס ט א נ י ס ל א ו: אלטע „ביעדע".

נ ע כ ע: אונזער גאספאדאריש מאכט היינט כטשינים ...

ס ט א נ י ס ל א ו: איך ווייס.

מ י נ ק ע: פריץ, עס קען נישט דערפון עפעס ארויסקומען ?..

ס ט א נ י ס ל א ו: וואס ?

מ י נ ק ע: איך ווייס ?.. זיי זענען דאך שכור ... ביי דעם „גאספאדאריש" מיין איך ...

ס ט א נ י ס ל א ו: נו, איז וואס ?...

מ י נ ק ע (פערשווייגט. קוקט זיך איין איבער'ן פלויט): מען הערט זיי שוין נית ... (צו סטאניסלאוו'ן) וואס דא האט זיך אבגעטהאן !... פריץ ... עס קען נישט אמאל ארויסקומען א געשלעג צווישען זיי ?..

ס ט א נ י ס ל א ו: עט — נארישקייט !..

מ י נ ק ע: פריץ ... וואס איז געשעהן, עפים נייעס זאגט

טען, ביי דער סטאנציע — דו האסט נישט געהערט פריץ ?...

סטאניסלאוו: ניין, גארנישט געהערט...

מינקע: די וועשין איז דא פריהער געוועזן —

מיטע (טהוט מינקע'ן א ציה ביים אקסעל, שטיל): וואס ווילסטו ?!...

מינקע: (בלייבט אפגעהאקט).

סטאניסלאוו (קוקט זיי אן): וואס ?...

מיטע: גארנישט... גארנישט... זי האט נאר א טבע צו פרעגען — — (צו נעכע'ן) פון וואנען ווייסט דער פריץ ?!... נאר זי פרעגט!

סטאניסלאוו: איך וויים טאקי נישט... נאר עפיס האב איך אויך געהערט היינט... איך בין פארביי געגאנגען פאר א ווילע, האב איך געזעהן ווי „אונזערס", אנ'אלטע שוין... וואס געהט ארום בעטלען צווישען די „ליעטניקעס" — האב איך געזעהן, ווי זי האט גערופען א „זשיראווקע", עפיס א פאניע איי-נע... שטילערהייד מיט'ן פינגער האט זי צו איהר געוואונקען... האב איך געהערט, ווי זי זאגט איהר, אז די יודען זאלען זיך היטען מארגענדיגען טאג...

אלע דריי: פריץ! וואס רעדסטו ?...

סטאניסלאוו: „נא טענא ניע בענדזשע"!...

מיטע און נעכע: פריץ, גלויב נישט!.. גלויב נישט!.. דאס איז אויסגעטראכט!

סטאניסלאוו: וואס דען... אלץ איז אויסגעטראכט...

מיטע און נעכע (קוקען זיך שטום אן).

סטאנגיסלאוו (קוקט זיך אום איבער'ן גארטען): „טשאס ספאטש".

מיטע (וועקט מינקע'ן): מינקע... מינקע... וועלען מיר אויך געהן שלאפען...

סטאניסלאוו (צו מיטען): איהר געהט שוין אויך שלא-פען! (שטעלט זיך אויף) אפשר, פאני, האסטו א רובל, ביז מאר-גען... אדער, אז נישט, וועסטו דיר אפרעכענען ביי מיין ווייב אויף די מילך...

מייטע: איך האָב ... (דערלאַנגט איהם אַ רובל).

סטאַניסלאַוו (דריקט איהר די האַנד, געזעג'ן און מינקע'ן אויך): א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט !... (פערשווינדט).

(לאַנגע פויזע).

מינקע (שטעהט לאַנגזאַם אויף, לאָזט זיך געהן פון די וועראַנ־דע־טרעפליך).

מייטע (קוקט איהר נאָך): מינקע ... וואוהין געהסטו ?...

מינקע (פערשווייגט. ציהט איהר וועגס צום ווינקעל פלויט, פון וואַנען די קולות האָבען זיך פריהער געהערט).

נעכע: רבונו־של־עולם ... (שטעהט אויף).

מייטע (לאָזט זיך אויך אַראָב פון די וועראַנדע־טרעפלעך נאָך מינ־קע'ן. ביטער): מינקע !.. לאָז דיך שוין בעגניגען היינטיגע נאַכט ... קום שוין שלאָפען ...

מינקע (שוואַך): איך געה שוין ...

מייטע (ציהט זי צוריק).

נעכע (איז אליין אויף דער וועראַנדע, געהט דערווייל אַראָב. פער־מאַכט די לאָדען. אין גאָרטען ווערט איינגאַנצען פינסטער. מינקע און מייטע קעהרען זיך דערווייל צוריק אום אויף דער וועראַנדע, זעצען זיך פאַר דער שיין פון דער אָפענער טהיר. עס קומט צו נעכע פון די לאָדענס פערמאַכען).

נעכע: נו, וואָס זענט איהר דאָרט געשטאַנען ?...

מייטע: גאָרנישט ... ס'איז שטיל ...

נעכע (שטיל): מען הערט זיי שוין נישט ?...

מייטע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין ...

מייטע און נעכע (געהען באַלד אריין אין שטוב).

מינקע (בלייבט אליין, קעגען דער שיין פון דער אָפענער טהיר וועהט מען איהר געזיכט. זיצט פערזונקען, שטאַרק בלאַס).

מינקע (שפּעטער) **מייטע** (שוין האַלב אויסגעטהאָן. אין דער אָפענער טהיר).

מינקע (זיצט שטיל אָב, שטעלט זיך אויף אריינצוגעהן אין

שטוב, ווארפט נאָך אָבער א בליק צום ווינקעל פלויט, שלאָגט זיך מיט דער דעה, לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָב פון די טרעפּליך. קוקט. שטעהט א ווײַלע... קעהרט זיך אום און וויל שוין צוריק געהן: בעמערקט זי עפּעס ווײַסעס צווישען די בוימער. שטיל): דאָס קישען!... (געהט צו, הויבט עס אויף און וויל שוין צוריק געהן, בלײַבט אָבער נאָך שטעהן... בעמערקט דעם שטריק פון דער הושטאַזוקע, לאָזט זי אַרויס דאָס קישען פון דער האַנד. בינדט אָב דעם שטריק פון צווישען די בוימער. שטעהט א מינוט אין פערלעגענהײַט. געהט צו צום פלויט און וואַרפט איהם אַריבער, בלײַבט אָבער ווײַטער שטעהן, קוקט זיך אײַן, און געהט אַרויס דורך דער פורטקע. קומט באַלד צוריק מיט מיט דעם שטריק אין דער האַנד און וואַרפט איהם אין דעם ברונעם אַרײַן... אַצינד נעהמט זי דאָס קישען, געהט אויף דער וועראַנדע. זי דער-זעהט ווײַט אין וואַלד רוקט זיך א פלעמעל פײַער, ווי עמיצער מיט א לאַמ-טערן. זי קריכט אַרויף אויף דער באַנק פון דער וועראַנדע מיט דעם קישען אין דער האַנד, פערריסט דעם קאָפּ און קוקט נאָך מיט שרעקליך אויסגעשטעלטע אויגען).

מ י ט ע (שוין אין שלאָף-קלײַדעל און באָרוועס בעווײַזט זיך אויף דער שוועל אין דער אָפענער טהיר. דערזעהט מינקען מיט שרעק): מינקע!...

מ י נ ק ע (טהוט א ציטער).

מ י ט ע: מינקע וואָס טהוסט דו?...

מ י נ ק ע (קומט צו זיך, קריכט אַראָב פון דער באַנק, ווי פערשעמט): נאַרנישט...

מ י ט ע (רוקט זיך אַרויס אויף דער וועראַנדע, קוקט אויך): עמי-צער מוז זײַן — מיט פײַער..

מ י נ ק ע (אַלץ קוקענדיג נאָך דעם פלעמעל אין וואַלד, וואָס פער-שווינדט אויף א רגע און שײַנט ווידער אַרויס צווישען די בוימער): ווער קען דאָס זײַן?...

מ י ט ע (ציהט זי בײַם קלײד): קום, מינקע, קום שלאָ-פען... די קינדער וועלען זיך אויפכאַפּען...

מ י נ ק ע (אַלץ נאָך קוקענדיג): באַלד... מײַטע... (קוקט ביז דאָס פײַעריל פערשווינדט אינגאַנצען, וועקט זיך): מײַטע — א וואַלד קען מען אונטערציגדען?...

מ ײַ ט ע (קוקט זי אָן פערוואונדערט) : אַ וואַלד ? . . .

מ י נ ק ע : יאָ, אַ וואַלד . . . אַז אַ וואַלד ברענט . . . (בלײַבט איבערגעהאַקט) .

מ ײַ ט ע : נו , וואָס ? . . .

מ י נ ק ע : קען מען שוין נישט אַרויס מיט׳ן לעבען . . . בוימער אין אַלע זײַטען , און דער פלאַם . . .

מ ײַ ט ע (אָנשרײַענדיג) : נו , וואָס אַ מענש האָט אַלץ אין זינען ? . . . קום שוין בעסער אַרײַן שלאָפען — קום, די קינדער וועלען זיך צעוויינען .

מ י נ ק ע (לאָזט צוריק אַראָב דעם קאָפּ , גייט נאָך מיט דעם קישען נאָך מײַטע׳ן אין שטוב אַרײַן) .

(באַלד פערמאַכט זיך די טהיר , אַרויס און אַרום ווערט שטאַרק פינסטער , נאָר דורך דער לאַנגער שמאָלער שפּאַרע פון דער טהיר פאַלט אַרויס אַ דין ליכטיג פּאַסיקעל איבער דער וועראַנ-דע , אויסציהענדיג זיך אין גאָרטען אַרײַן) .

(אַ טיפע שטילקײַט . פון אינעווייניג הויבט זיך אָן צו הערען אַ וויגען פון אַ וויגעל און אַ לידעל פון אַ קינד אײַנ-שלעפערן) .

(דער פאָרהאַנג פאַלט זעהר לאַנגזאַם , ווערענד עס הערט זיך דאָס לידעל מיט אַ טרויעריגער מוטערליכער שטים) .

שלאָף , מײַן קינד ,
מײַן טײַערינקע פויגעלע ,
שלאָף אין דײַנעם רוה.
שלאָף , מײַן פויגעלע ,
מאַך שוין צו דאָס אויגעלע ,
שלאָף ביז אין דער-פריה.
אַז דו וועסט אַרויס פון וויעג ,
איז דאָ אַרבײַט גענוג
שוין אָנגעגרײַט פון אַצינד ,
שלאָף , מײַן פויגעלע —

מאַך שוין צו דאָס אויגעלע ,
שלאָ-זשע פריִש און געזונד" .

(דער פאָרהאַנג פאַלט די רעשט . עס הערט זיך נאָר שוואַך די בלויזע מעלאָדיע, די ווערטער — נישט , ביז דאָס קול ווערט אינגאַנצען פערזונקען אין שטילקייט) .

קליינע שטעדטלעך.

קליינע שטעדטלעך.

(שטריכען).

I

דאס ערשטע שטעדטיל, וואס איך האב דערזעהן פאר מיר, איז געלעגען ווי איינגעטוליעט צווישען די ארומיגע בערג, און שטום האבען די בלישטשענדיגע פענסטערלעך פון די קאלך־געווייסטע הייזלעך ארויסגעקוקט איבער'ן זאמדיגען וועג, וואו איך בין געפאהרען און וועלכער שניידט זיך פון צווישען די בערג גלייך אינ'ם שטעדטיל אראב. ביי אונזער אריינפאהרען האט זיך דאס גאנצע שטעדטיל אויפגערודערט איבער דער האסטיקייט פון פערד־און־וועגעלעס גליטשען זיך אראב בארג. א ייד אין די בלויזע העמדרבעאל, מיט א געלען טלית־קטן, א שפיציג בערדיל און א קאפעל אויפ'ן קאפ, האט זיך ארויסגעשטעלט פאר דער טהיר און געקוקט, האלטענדיג די האנד איבער'ן שטערן, טיעף איינקנייטשענדיג אימה און מיט א האלב צוגעמרוזשעטען בליק.

איך בין אראבגעגאנגען פון וועגעלע און געשטעלט זיך אנטקעגען איבער:

— וואו קריגט מען דא ערגיץ א שטיקעל אכסניה? — האב איך אנגעפרעגט.

דער ייד האט מיך אנגעקוקט, אנגעקוקט

— נעהט דאָ גלייך אין דער צייל... — האָט ער מיר אָנגעוויזען איבער דער רייה הייזלעך לינקס איבער׳ן מאַרק.

איך האָב געזוכט אַ שילדעל, עפּיס אַ צייכען פון אַן׳אַכסניה— נאָר אומעטום, פאַר יעדען הייזעל, אַ גרויס שטיק ליידיגער פלאַץ מיט מעהר אָדער וועניגער קלעצער, וואָס ליגען דאָרט אָנגעלעגט. צווישען זיי שפּילען זיך קינדער אין די בלויזע העמדלעך, מיט אויסגעשמירטע פּנים׳לעך, און ווען איך קום־צו, שטעלען אַלע אויס זייערע קינדערשע אויגעלעך און בלייבען שטעהן מיט פערשטעקטע פינגערלעך אין די האַלב־אָפענע מיילכעלעך. פאַר די הייזער, אויף די שוועלען, האַלב אין שאָטען, וואָס לעגט זיך פון אָבדעכיל אַראָב — זיצען ווייבער, אויך אַזוי שטיל, און שיילען קאַרטאָפעל אין לעגנליכע קעסטלעך אַריין, וואָס שטעהען ביי זיי צופוסענס אויף דער ערד. ביי איינער, דאַכט זיך, רונצעלט זיך שטיל דער שטערן און זי וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק אין קעסטיל אַריין, איבערמישענדיג מיט דער האַנד די שאָלעכטס פון די קאַרטאָפעל. זי וואָלט זיי געוואָלט ווי איבערוועגען און אָבשאַצען. זי דאַרף האָבען אַ גראָשען אויף מילך, דעם וואַרימעם צו פערווייסען, און עס רונצעלט זיך איהר דער שטערן: צי וועט די שכנ׳טע, די הויכע שוואַרצע גויה מיט דעם מעשענעם צלמ׳ל אויפ׳ן האַרצען, געבען אַ גראָשען פאַר די שאָלעכטס פון די חזירים וועגען.

אַנ׳אַנדערע זיצט און שטריקט אַ זאָק, שטאַרק פערטיעפט אין זיך אַריין. זי מוז שוין גאָר נישט האָבען אויף קיין מיטאָג, אפילו קיין קאַרטאָפעל אויך נישט. און ווען זי ציהט אַרויס אַ שפּיזעל, פערענדיגענדיג די אייגלעך אַרום דער פּיענטע, בלייבט זי זיצען אַ ווייַלע מיט פערלעגטע הענד און אויסגעלאָשענע אויגען: ווער ווייסט, צי האָט זי נישט אַ משה׳לע ערגיץ דאָ אין אַ חדר ביי אַ רבי׳ן, וואו ער לערנט פון אין דער־פריה אָן גאָט׳ס הייליגע תורה, און דאָס קינד האָט היינט אַ גאַנצען טאָג אין זיין מויל נישט געהאַט...

אַ טיִעפֿער זיִפֿץ, וועלכען עס פֿערוויִהט באַלד דאָס וויִנדטעל, רייסט זיִך אַרויס פֿון דער יודענעס ברוסט און געשוויִנד נעהמט זי צוריִק שטריִקען איִהר זאַק, אַז די שפּיִזלען ציִטערען אַזש און טאַנצען־צו איִן איִהרע דאַרע ביינערדיִגע העַנד, און די אויגען לעשען זיִך און בליִשטשען וויטער אויף, און שרעקליִך אונרוהיִג דרעהט זי זיִך אויף איִהר געזעס.

— וויִבער — געה איִך צו, אָבשטעלענדיִג זיִך פֿאַר זיי אַ שטיִקעל פֿון דער וויטענס — וואו איִז דאָ פֿאַרהאַן ערגיִץ אַ שטיִקעל אַכסניה?

אַלע גלייך הויבען אויף די קעפּ, פֿון ערשטען בליִק אַ ביִסעל ניִשט צופֿריִעדענע, ווי עמיִץ וואָלט זיי געשטערט איִן זייערע געדאַנקען, נאָר באַלד קוקען זיי פֿערגאַפֿט: עפּיִס אַ מאָדנער פּריִץ. רעדט ייִדיִש און געהט קורץ געקליידט, אָדער געהט קורץ געקליידט און רעדט ייִדיִש...

און איִן דעם אויגענבליִק האָט עס — איִך וואָלט דערויף געקאָנט שווערען — ביי אַלע גלייך איִן די מוחות אויפֿגעבליִצט: צי ביִן איִך ניִשט אַמאָל איינעמס פֿון דעם שטעדטיִל אַ זוהן, וואָס איִז געוועזען ביִז איִצט איִן אַ גרויסער שטאָדט און איִז אַציִנד אַהיים געקומען צו זיינע אָריִמע עלטערן מיִט גאָלדענע זייגערס און גאָלדענע סאַנגעטען און מיִט זעהר אַ סך געלד.

— איִהר זוכט אַנ׳אַכסניה, וואָס, איִהר זענט ניִשט קיין היִגער?...

— ניין, — האָב איִך געזאָגט — איִך בעט אייך, וויִיזט מיִר.

— אָט דאָ, אָט דאָ — האָבען די וויִבער, אַלע איִן איין מאָל אויפֿשטעהענדיִג פֿון זייערע ערטער און אַרויסגעהענדיִג מיִט מיִר אַ ביִסעל נעהנטער צו דער פּאָטשיִנע פֿון מאַרק, אָנגעוויִזען אויף אַ הייזעל מיִט גריִנע געפֿאַרבטע לאָדענס, — אָט־אָ דאָרט וואוינט יצחק חנה׳ס...

איִך האָב זיי געזעגענט פֿון דער וויטענס מיִט אַ שטיִלען

בליק, און אויך האָב איך מיך באַלד צוריק געכאַפּט, זיי זאָלען מיך נישט אָנקוקען פאַר משוגע.

איך האָב מיך אַ פּאָר מאָל געוואויגען אין געדאַנק, שטעהענדיג שוין הינטער יענע גרינע לאָדענס און קוקענדיג דורך די שפּיַבלעך אין שטוב אַריין, ביז איך בין דאָרט אַריין.

II.

איך בין געזעסען ביי'ם פענסטער אין אַ בעזונדער שטיבעל, וואָס דער בעל-אַכסניה האָט מיר אָבגעגעבען, נישט מעהר נאָר וואָס עס איז געווען דורכצוגעהן דורך זיין גרויסער שטוב — און איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דאָס שטעדטיל.

אַ שעהנער מאָרגען. די זון האָט געבלאַנקט און אַראָבגעקוקט איבער דעם ליידיג-גרויסען מאַרק, די לופט, דער הימעל איז געווען בלאָה און לויטער, ווי קריסטאָל. פון דער ערד האָט זיך געשפּירט אַ פרישקייט, און אַ ליעבליך קיהלער אָטעם האָט געהויכט איבער איהר. פון דערווייטענס, אויף די שפּיצען בערג, וואָס האָבען זיך געזעהן איבער דער אַנדער זייט שטעדטיל און אַראָבגעקוקט דעריבער, — האָבען זיך געשלענגעלט אויסגעשאָרוועטע זאַמד-פּאַסען, וואָס האָבען אויסגעזעהען, ווי לאַנגע צעפּ פון אַ קאָפּ אַראָבגעהאַנגען. נעכטען איז אַ שלאַגס-רעגען געגאַנגען — און דאָס האָט דאָס וואַסער אַזוי אויסגעשאָרעוועט. דאַדורך קוקט דאָס גאַנצע שטעדטיל היינט מיט אַ דערפרישטען בליק אין גאָט'ס וועלט אַריין. עס זאָל חלילה נישט האָבען געגאַנגען דער רעגען די נאַכט, ווען די מענשען זענען געלעגען אויף זייערע געלעגערס און געהאָרכט דאָס פויקען פון איהם אין די דעכלעך אַריין, און דאָס שאָרווען און גערויש פון די וואַסערן הינטער זייערע פענסטערלעך, וואָלט, חלילה, אַ גרויס יקרות געווען. דען אַלע פעלדער זענען שוין געווען פערוויסט פון דעם

שטויב, וואָס איז אויף זייערע גראָזען געלעגען – און לייטיגע ער־טער האָבען זיך גאָר אין גאַנצען געשפּאָלטען פון היץ. און דאַדורך קוקען אויך די בוימלעך פער׳גנב׳עט פון הינטער די הײַזלעך אָפּער מיט אַ בלישטשענדיגער דאַנקבאַרקייט, וואָס איז אויסגעגאָסען אויף זייערע גרינע בלעטלעך, צו דער זון אַרויף; דער רעגען האָט די וועלט דערפרישט און האָט יידען מיט שוואַך פּרנסה גאָר אַ גרויסע ישועה געבריינגט, עס וועט זײַן אַ זול. אַ ייד, אַ שנײַדער, וועט זיך זונטאָג אין דערפריה אַוועקגעהן אין דאָרף אַרײַן מיט זײַן שער און שלאַך. און פרײַטאָג נאָך צוועלף קומען צוריק אַהיים צו זײַן ווײַב און קינדער מיט עטליכע גילדען געלד, אויסער אַ „קאָלענדרע״ אין אַ זאַק אויף די פּלייצעס, וואָס דאָס אַליין וועט שוין געניגען שיער אויף אַ גאַנצע וואָך פּרנסה. עס וועלען זיך אָנהויבען חתונות בײַ גויים און גוי׳עס, באַלד ווי מען וועט פון די פעלדער אַראָב־נעהמען. מען וועט לייזען פאַר בענדלעך, טיול, קאַרעלען און בלימלעך. אפילו דער אײַזען־קרעמער וועט אויך שטעהן אויף דער שוועל אין דער טהיר פון זײַן געוועלב, פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס און אַ האַנד אויף אַ האַנד און טענה׳ן מיט דעם קונה, אַז אַזוי פיעל וויל ער פאַר טשוועקעס, פאַר פּרענטעס צו לאָדענס. שיק־שעס און שקצים וועלען חתונה האָבען, וועט מען דאַרפען נײַע הײַזלעך אויף די דערפער צו שטעלען, און וועלען זיי נישט געבען, וויפיעל ער וויל, הערט ער זיי ווי דעם קאָטער. און דער שטרי־קען־מאַכער וועט, שטעהענדיג מיט זײַן געשטעלכעל שטריק, פאַטשען די גויים אין די הענד אַרײַן, אַזוי פיעל תבואות, וויפיעל עס וועלען הײַ־יאָהר זײַן צו שלעפּען פון די פעלדער אַראָב, וועלען זי־כער אַלע שטריק אויף די פערד־וועגען פּלאַצען. דער הורט־סוחר פון תבואה וועט זיצען און רײַבען דאָס בערדיל, אַז ער האָט שוין קיין אָרט נישט, וואו צו שיטען; דער שפּײַכלער, די קאַמערלעך און וואו נאָר אַ לאָך – אַלץ איז שוין פערנומען. נאָר די קלײַנע סוחרים׳לעך וועלען נישט קוקען, אַרומלויפען ווי פער׳סמ׳טע און

נאָר קױפֿען און קױפֿען: נישקשה, דער דײַטש גנב װעט אַלץ צונעהמען איבער דער גרעניץ אַריבער... אַזױ־ערנאָך װעלען ייִדען הײַ־יאָהר נתעשר װערען.

נישט צופֿריעדען בלײַבען נאָר דער שוחט אין שטעדטיל און די עטליכע קצבים׳לעך, אַז עס װעט זײַן אַ זול. די פּױערים האָבען צו געבען די בהמות צו עסען אין פֿעלד און אין שטאהל, װעט נישט זײַן צו צוטרעטען צו אַ בהמה׳לע, אַ סכּנה אײַנצושטעלען זיך, דעם גױ דאַכטען האָטש אַ װאָרט װעגען פֿערקױפֿען. און אַ סימן װעט דאָס שטעדטיל האָבען, אַז עס איז אַ זול: װי באַלד די שוחט׳קע װעט געהן אַלײן אָנקלױבען אַביסעל שטשאַװ־בלעטלעך אױפֿ׳ן פֿעלד אין פֿאַרטוך אַרײַן, די צװײ־דרײַ דרױבעלעך, װאָס װעלען שױן אפשר יאָ געפֿאַלען איבער דער װאָך, װעלען זײ איהר גאָר אַ שאָר זײַן צו עסען, נאָר ליעבערשט פֿערקױפֿען זײ אױף ברױט, און אַלײן װעט זי קאָכען פֿון די שטשאַװ־בלעטלעך אַ מילכיגען באָרשט...

III.

איך זיץ נאָך אַלץ בײַ׳ם פֿענסטער און קוק אַרױס. איבער׳ן מאַרק געהט אַ שלאַנק מײַדעל מיט לאַנגע צעפּ און באָרװעסע ברױנע פֿיס. אַ קרעטאָנען לײַכט קלײדעל צום קנעפּלען אױף די פּלײצעס. אַ קריגעל טראָגט זי אױפֿ׳ן אַקסעל, פֿערשטעלענדיג זיך דערמיט אײן זײַט פּראָפֿיל מיט אַ האַלבען בלאָנדען קאָפּ, אױסער, װאָס דאָס שען געטאָקטע העלזיל און איהר שענער שטערן קוקען אַרױס אױף פֿאָרענט — און געהן געהט זי נאָך װאַסער גלײַך צו דעם ברונען, װאָס איז אין מיטען מאַרק.

— גאָר װי אונזער מוטער רבקה, — טראַכט איך מיר, קוקענדיג דורכ׳ן פֿענסטער, — עס װאָלט געװען אַ יושר אַרױסצוגעהן איהר

אַנטקעגנען, ווי אליעזר מיט זיינע קעמלען, אפשר וועט זי מיך אויך מאַכען אָנטרינקען?

איך גייה אַרויס פון שטוב און שטעל מיך אָנגעשפּאַרט איבער דער אַנדער זייט ברונען, אַנטקעגען איבער דער, וואו זי איז געשטאַנען.

אַז זי האָט אויסגעצויגען דאָס קריגעל וואַסער, האָט זי אויף מיר אויפגעהויבען אַ שטילען און פערשעמטען בליק, ווי זי וואָלט מיך געפרעגט, צי איך האָב נישט געוואָלט עפּיס.

— אַ טרונק... — זאָג איך איהר.

זי שאָקעלט גוטווילינ מיט'ן קאָפּ און קוקט אויף מיר מיט איהרע ליכטיגע בליקען.

איך שטרעק-אויס די האַנד נאָך דעם קריגעל און זי האַלט עס מיר שוין אין דערלאַנגען, נאָר אין דער מיטען דרעהט זי עס צוריק:

— נעהמען זי נישט אַזוי — זאָגט זי — זי וועלען זיך בעגיסען דעם אַנצוג... — און זי שטעלט עס מיר אַוועק אויף דעם ליייסטעל פון דעם ברונען...

איך האָב זי חושד געווען, שטאַרק חושד געווען, און נאָכגעדענקט, אַז עס וועט נישט אויסקומען, ווי ביי אונזער מוטער רבקה — יענע האָט, דאַכט זיך מיר, נאָך צוגעזינגט מיט איהרע אייגענע הענד דעם קרוג צו אליעזר'ס מויל, און דאָ מיר האָט זי איהם אַוועקגעשטעלט נאָר אויף דער לייסט פון דעם ברונען און גיט מיר נישט פון דער האַנד...

— „וואָס איז?” — האָב איך ביי מיר אַליין אָבגעשטעלט אַ פראַגע — אַ חסידות'טע?...

און איך בין שפּעטער געוואָהר געוואָרען, אַז זי איז דעם רב'ס מיידעל...

רבונו של עולם! געהט דעם היגען רב'ס טאָכטער באָרוועס, נאָר אין גאַנצען, נאָר אָהן שום שטאַט, טואַלעטע? לאָזט זיך

אפשר נישט נייהען קיין קליידער ביי „הערזע׳ן״ און פֿאָרהט נישט אין די ווארים־בעדער אויך, ווי דעם אָטוואָצקער צדיק׳ס טעכטער?..

וואָס טהוט זיך דאָ עפּים? פֿאַרוואָס געהט זי האָטש נישט אין קיין שיך.. וואָס בעווייזט זי נאָך איהרע נאַקעטע פֿים? דאָ שטעלט זי אַוועק דאָס קריגעל אויף דעם ברונען, בשעת זי געהט מיר געבען אַ טרונק, און דאָ האָט זי אפילו קיין מיידעלשע בושה נישט?...

און איך בין געוואָהר געוואָרען אַ ביסעל שפּעטער פֿון מיין בעל־אַכסניה נאָך אַ סוד: אַז דער רב נעהמט זעלטצעהן גילדען אַ וואָך פֿון דער שטאָדט...

— נו, און דערפֿון לעבט מען?

— איך ווייס?... — האָט מיין בעל־אַכסניה אַ קוועטש געגעבען מיט די פּלייצעס, פֿון וועלכען עס איז שוין אויך געווען אַרויסצו־לערנען, אַז דעם רב׳ס מיידעל ווייזט חלילה נישט פֿאַר אויסגע־לאַסענקייט איהרע נאַקעטע פֿים.

— נאָך גוט האָטש, וואָס פֿאַר די שטומע בערג — האָב איך שוין אַליין פֿאַר מיר געטראַכט — און דער יידישער טאָכטער קומט דאָ אוים וועניגער די אויגען אַראָבצוהענגען...

IV.

ביי־נאַכט, ווען איך בין געזעסען אַליין אין מיין שטיבעל און דער בעל־אַכסניה האָט מיר אַריינגעבריינגט טהיי — האָב איך איהם ווייטער געפֿרעגט:

— און קיין צושפּרינג האָט ער גאָרנישט? פֿון קהל׳שע הייוען, זאַלץ?

— קיין שילינג נישט, — מאַכט מיין בעל־הבית אַוועק מיט דער האַנד — דער רב אַליין, זאָגט ער, שמייכעלט: אַז יידישע קינדער ווילען מקיים זיין די מצוה פֿון חלה־נעהמען, טאָר מען

אויף זײ נישט לײגן קײן שװעריקײטן. און זאָל װײַטער, זאָגט ער, דאָס איז דאָך דעם אָרימאַנ׳ס גאַנצע געשמיל... טאָ הײַנט־צוטאָגס װי קען איך דאָס?

— און פֿון קײן דין־תּורות — ציִעט מיר װײַטער מײַן בעל־הבית — דערגלײַכט ער נישט...

— פֿאַרװאָס?

— אַז צװײ ייִדן קריגן זיך, װערן איִהם די אויגן טונקעל, אויסגעלאָשן: ייִדן, זאָגט ער, זענט אײַך מישב, גלײַכט אײַך בעסער אויס צװישן זיך און ברענגט אײַך נישט אויס קײן פּסק־געלד... אַ שונא־בצע, פֿאַרשטײט איִהר מיך, און דערצו קען ער גלאַט נישט אַריבערטראָגן, אַז ייִדן קריגן זיך, דורך דעם זענען מיר פֿון ירושלים פֿאַרטריבן געװאָרן... — זיפֿצט ער — און שטעלט אָן אַזעלכע אויגן אויף די בײדע צדדים, אַז מען מוז איִהם פֿאָלגן, און דערהערט ער, אַז די בײדע צדדים האָבן זיך אויסגעגלײַכט, דעמאָלט לײַכטן זײַנע אויגן אויף און ער האָט שטאַרק הנאה דערפֿון: שלום על ישראל, שלום על ישראל... רײַבט ער זיך אַזש דעם שטערן פֿאַר שטאַרק הנאה.

— און אין דער אמת׳ן — גיט מיר מײַן בעל־הבית װײַטער צו פֿאַרשטײן — אויף שלום שטײט דאָך טאַקע די װעלט...

גאָר דערבײַ האַפּט ער אַ קוק אויף מײַן געגאָלטער געמבע און לויט זײַן פֿינקעל מיט די אויגן איבער מיר, פֿאַלט איִהם, דאַכט זיך מיר, אײַן אַ חשד װעגן מיר, צי פֿאַרשטײ איך איִהם גאָר.

— נישט — זאָגט ער — אַזאַ שלום װי בײַ „זײ״: איך מײן, אַ באמת ייִדישער שלום!

— װאָרום בײַ זײ — גיט ער מיר װײַטער צו פֿאַרשטײן, גלעטענדיק זיך די באָרד — זײ דאַרף מען װײַזן אַ בײַטש... אַ ייִד אָבער דאַרף אַזוי זײַן, אפילו אָהן אַ בײַטש. — װי קען דען אַ ייִד גאָר זײַן אַנדערש?... הײַנט־צוטאָגס פֿאַרשטײט איִהר שוין, פֿאַרװאָס דער רב

קאָן ניִשט סובל זײַן, אַז ער הערט. חלילה, ווי צוויי ייִדען קריעגען זיִך?

איִך האָב אויסגעטרונקען די טהײ, און מײַן בעל=הבית האָט מיִר געוואונשען אַ גוטע נאַכט, צוריִק אַרויסגעהענדיִג שוין מיִט דעם לײַדיִגען גלאָז פון מײַן שטיִבעל.

V.

– און ווי נעהט עס דאָ דעם שטעדטיִל אַזוי, מכח פרנסה? – האָב איִך איִהם צומאָרגענס איִן דערפריִה ווײַטער געפרעגט.

איִך האָב בעמערקט, אַז דער בעל=הבית האָט ווײַטער אַ בליִק געוואָרפען מיִט חשד אויף מײַן געגאָלטער געמבע, ס'הײסט, ווי קום איִך, דײַטש, צו פרעגען מכח ייִדיִשע פרנסות... דאָך האָט ער מיִר געענטפערט מיִט אַ קנײטש איִן שטערן:

– מילא...

– וואָס הײסט, מען קומט יאָ אַדורך?

– יאָ... – האָט דער ייִד שוין אפילו אַ שמייכעל געטהון אויך און פארבויגען איין שפיִץ באָרד איִן מויל אַרײַן און געקוקט אויף מיִר פון היִנטער'ן שטערן אַפער.

איִך זעה, אַז איִך וועל ניִשט מיִט איִהם פאָרט קומען, אַז ער האַלט עס אונטער אַ שטרענגען סוד.

– ווי טײַער – פרעג איִך איִהם – שטעהט הײַנט קאָרן?...

– הא, קאָרן?... – לאָזט מײַן ייִד געשוויִנד אַרויס דעם שפיִץ באָרד פון מויל און גלײַכט צוריִק אויס דעם שטערן, – אַזוי – זאָגט ער – געוועהנליִך: דרײַסיִג גילדען, ווייץ – זעקס רובל, האָבער – אַכצעהן, נײַנצעהן גילדען...

– און ווי אַזוי קומט אָן בײַ'ם פויער צו קויפען?

– אָי, ניִשט גוט, ניִשט גוט, – קרעכצט שוין מײַן בעל=

הבית אָב, – ס'איז היינט גאָר נישט וואָס צו מאַכען, קיין שום גע־שעפט נישט. דער פויער איז איינגעשפּאַרט און דערצו איז נאָך דער קאָפּ אַזוי גראָב, אַזוי טעמפּ, אַז האָטש האַק אַריין אין איהם, ווי אין אַ שטיין, עס ד'ה, שונאי־ישראל די גאַל אויף, שפּיי די לע־בער אויס שוין איהם אין די אויגען, ער שטעהט, ריהרט זיך נישט פון אָרט, ווי אַ קלאָץ, און וואָס אַרט איהם?... אויף קיין פּרנסה, אויף שבת דאַרף ער נישט...

און ער גיסט שוין פאַר מיר אויס זיין גאַנץ ביטער האַרץ.

– יענע וואָך – דערצעהלט ער מיר וואָס ווייטער אַלץ מעהר־פאַהרט פאַרביי אַ פויער פאַר מיין פענסטער מיט דריי קערצליך האָבער. געה איך אַרויס צו איהם: הער נאָר, פויער, ווי טייער ווילסטו דאָס?

צו איין און צוואַנציג גילדען.

– סטייטש, פויער, חאַם, עס שטעהט דאָך נאָר אַכטצעהן גילדען? נו, איז שענער האָבער „קאָנאַרק", זאָל זיין נייַנצעהן גילדען...

ער וויל נישט.

–דו פויער, חאַם, – זאָג איך צו איהם–פאַרוואָס פערשטעהסטו נישט, אַז איבער'ן פּרייז וועל איך דיר אפילו קיין גראָשען מעהר נישט געבען, אַדרבא, איך וויל נאָך פערדינען אַ צעהנעריל...

– איז וואָס געהט עס מיך אָן, – ענטפערט ער מיר. איהר הערט אַנ'ענטפער? און דאָ ווייס איך, אַז איך לאָז איהם אַוועק נאָר איין אייל פון הינטער מיין פענסטער, איז ער שוין נישט מיין, וואָרום עס דרעהען זיך שוין גאַנצע טשאַטעס יידעלעך און קוקען פון דער ווייטענס, ווי די הינגעריגע וועלף. פונדעסטוועגען בין איך מיך מישב און געה אַריין אין שטוב, אַוועק פון וואָגען. אָך, מיין געשלאָגענע כפּרה איז עס מיט'ן גאַנצען האַנדעל... און אַז איך בין שוין בייז געוואָרען, האָב איך געטראַכט: זאָלען זיך שוין אַנדע־רע אָבעסען די גאַל, זאָלען זיי אויסדינגען, וועל איך אפשר דער־

נאָך גיכער קויפֿען... הכּלל, מיך קאָרטשעט עס אין שטוב אויך, איך קאָן נישט איַינרוהען, געה איך צוריק אַרויס און לעג אַנידער דעם גוי צו צוואַנציג גילדען די קערץ — און קלער, אפשר האָט דער גוי אָנגעשיט אין דער־היים מיט אַ גוטער מאָס, וועט זיך מיר צוריק אויסשלאָגען דאָס, וואָס איך גיב איהם, און איך שטעל אַרויף דעם האָבער אויף דער וואָג, ווערט מיר אַזש פֿינסטער פֿאַר די אויגען, איהר זאָלט עס זעהן, עס זאָל זיַין חאָטש אַ לויט מעהר, און איך האָב נאָך דערלעגט, מיט צוויי טויזענד זאָל איך אַזוי בּעגליקט ווערען, ווי צוויי גילדען.

— נו, שטעלט מען אוים אַ האַנדעל אויף אַזאַ מערכה?

— אַ נישט, וועט איהר נישט קויפֿען.

— נו, קויפֿט מען נישט.

— הע, הע... — לאַכט מיַין ייד — לעגען די ציַיהן אויף דער פּאָליצע?

— אָבער דערפֿון קאָן מען לעבען?

— איז טאַקע נישט גוט, — האָט ער פֿערקנייטשענדיג די בּרעמען אָנגענומען אַפֿולע גאָרשט מיט באָרד אין דער האַנד און אַרײַנגעשטופּט די שפּיצען אין מויל אַריַין.

VI.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף אַ יריד אין דעם שטעדטיל, אַז איך זאָל קאָנען זעהן מיט מיַינע אייגענע אויגען, ווי אַזוי יידען האַנדלען, און פֿון וואָס זיי לעבען.

ערשטענס, האָבען זיך אַרויסגעשטעלט אין מאַרק מיט זייערע טישלעך מיט בענדלעך, שפּילקעס, קאָרעלען און פּאַטשיילעכלעך — אַ גאַנץ שאָק יידענעס. צווישען זיי נאָך גאָרנישט קיין אַלטע אויך. נאָר דאָס פּנים איז אַזוי שוואַרץ און די הויט איַינגעטריקענט, געל,

און די נעזער לאַנג אויסגעצויגען, אַז מען קאָן בשום אופֿן נישט טרעפֿען, וועלכע איינע פֿאַר דער אַנדערער איז עלטער.

פּלוצלונג דערהערט זיך שוין אַ געקוויטשערײַ, מען האָט איין ווײַבעל אַראָבגעשטופּט דאָס געשטעלכעל פֿון אָרט, און צוויי ווײַבער רײַסען זיך שוין בײַ די קאָפּקעס.

מײַן בעל־אַכסניא האָט מיר אָנגעוויזען מיט'ן פֿינגער:

— איהר זעהט, אָ דאָס ווײַבעל, וואָס שטעהט דאָרט אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ טהיר מיט אַ מולטער קיכעלעך אויף אַ בײַנקעל, איהר זעהט זי, די הויכע, וואָס שטעהט אַזוי די ליפּען פֿערביסען?

איך קוק מיך אום: אַ פֿויגעליש פֿערציקענדע געשטאַלט מיט אַנ'אויסגעשפּיצטער נאָז, און די אויגען — זאָל שוין גאָט פֿערהיטען, ווי זיי בלישטשען מיט אַ מין אויסגעהונגערטען קרענקליך־פֿערביטערטען בלישטש אין מאַרק אַרײַן.

— איז זי אַנ'אַמאָליגען הייגען שײַנקערס אַ טאָכטער — דערצעהלט מיר מײַן בעל־אַכסניא — אַ שײַנקער, הייסט עס, נאָך פֿאַר'ן מאָנאָפּאָל...

— און הײַנט?

— און הײַנט איז זי אויך דעם אייגענעם שײַנקערס טאָכטער... נאָר אָהן אַ שײַנק, עס איז שוין אויף צרות... און זי אַליין, די טאָכטער, איז שוין אויך גאָרנישט די אייגענע. להבדיל — קריסטען און ייִדען האָבען געצויגען אין יענער שײַנק אַרײַן אַ קוק געבען נאָר אויף דער בילד־שענהייט. אַ שוואַרצען געקרויזטען קאָפּ האָהר, מיט אַזוינע שוואַרצע לאָקען... באַקען — בלוט און מילך, און שוואַרצע סאַמעטענע ברעמען אַז מען זעהט גאָרנישט אַזוינס אין דער וועלט — פֿאַר אַ קיסר צו שטעלען...

— און הײַנט?... כ'מיין, זי האָט שוין חתונה געהאַט?

— שוין פֿערגעסען גאָר אפילו, אַז זי איז אַמאָל אַ מיידעל געווען.. און דער „אַמאָל" איז גאָרנישט לאַנג, אין גאַנצען עטליכע יאָהר.

– און וויפֿיעל קינדערלעך האָט זי שוין?

– איך ווייס? מסתמא – דריי־פֿיער...

– און פֿון וואָס לעבט זי?

– אַט, איהר זעהט דאָך; באַקט קיכעלעך אויפֿ'ן יריד פֿאַר די שקצים'ס וועגען.

– און דער מאַן וואָס טהוט?

– עט, נאַט אײַך אַ גראָשען... האַנדעלט מיט תבואה.

מיר האָבען געמאַכט אַ הפסקה אין דער מיט, איבערטראָגענ־דיג זיך אויף אַן'אַנדער שטיקעל אָרט.

– און איהר זעהט, אָ דאָרט, יענע... – האָט מיר דער בעל־אַכסניא ווייטער אָנגעוויזען – דעם פֿריהערדיגען שוחט'ס, עליו השלום, אַ טאָכטער, האָט זיך איהר פֿערגלוסט צו פֿיהרען אַ ליבע מיט עפּיס אַ שניידער־יינגעל טשיגע, געבריינגט דעם טאַטען אין דער ערד אַריין, דערנאָך איז נאָך אַ שוועסטער געשטאָרבען, אַן'עלטערע, אַ מאַמע שוין פֿון קליינע קינדערלעך, וואָס, ווי מען האָט געזאָגט, איז עס אויך געוועזען דורך איהרע זינד, נאָר ווייס איך... אַ קודם האָט זיך שוין די שטאָדט אַריינגעלעגט, אַז זי זאָל חתונה האָבען מיט דעם שוואָגער, דעם שוועסטער'ס מאַן הייסט עס...

– נו, און זי האָט חתונה געהאַט?

– אַוודאי, וואָס דען?

– און זי האָט שוין עפּיס קינדערלעך אויך

– זעקס פֿון דער שוועסטער, עליה השלום, און דריי אייגענע, דאָס הייסט – שוין ניין

– און דאָס שניידער־יינגעל?

– נו, ווער ווייסט פֿון אַזוינע זאַכען. ער איז, דאַכט זיך מיר, גאָר באַלד אַנטלאָפֿען פֿון שאַנדע...

– און זי שטעהט דאָ?

– יאָ, מיט בענדלעך.

איך האב מיך נעהנטער צוגעקוקט צו דעם ווייבעל פון ניין קינדער. זי זעהט נאך אליין קינדעריש אויס, און דאס פנים — וואס פאר א מין שטילער, געדריקטער פיין עס ליעגט איינגעשניטען דערינען, נאר גלאטיג איז עס שוין. דאס זיפצעל איהר׳ס איז ער־גיץ פערשטעקט געבליבען אין איהר הארץ טיעף, און די טרעה־רען פון אמאליגע הייסע נעכט האבען א פערגליווערטע שטילקייט אויף איהר איבערגעלאזט.

— און דער מאן טהוט גארנישט? — האב איך געפרעגט.

— עט... — האט מיין בעל־אכסניא ווייטער געגעבען א קוועטש מיט די פלייצעס — ער פיהרט אמאל אוים א שידוך, ער האפט זיך אראב צווישען ימים־נוראים אין א דארף אריין צווישען יידען און דאווענט זיי א ראש־השנה — יום־כפור.

ביסלעכווייז איז אנגעפאהרען א פולער מארק מיט פויערים און וועגען. מען שטופט און מען שטויסט פון אלע זייטען. האלאבלעס אויפגעשטעלטע שטעקען שוין ארוים אין דער לופטען, פערד שטעהען אויסגעדרעהט מיט די קעפ צו די וועגעלעך, אויף וועלכע עס זיצט א גוי׳ע אין א קולים, אדער א גוי שטעהט דער־נעבען און גיט אכטונג אויף די פולע זעק, וואס ליעגען דארט.

איך גיעב א קוק: ארום די וועגעלעך שארען זיך שוין א גאנצע רייה מענער, קריכען איבער האלאבלעס, שארען מיט די פאלעס אן די רעדער, און די פנים׳ער אויפגעהויבען גלייך איבער די וועגען.

— וואס איז דאס? — פרעג איך מיין בעל־אכסניא — וואס גע־העו זיי די דאשקעס עפים אזוי פערדרעהט, ווי אויף א געיעג?

מיין בעל־אכסניא שמייכעלט.

— תבואה־הענדלער... — זאגט ער

— נו, וואלט ניט גלייכער געווען צו געהן בעזונדער?

— דא איז, פערשטעהט איהר מיך, אזוי — גיט ער מיר צו פערשטעהן — דער ערשטער, איהר זעהט, אן, וואס געהט פאראוים,

מיט'ן שוואַרצען בערדיל און קייט אַ שטרויעלע... יענער האָט עט־ליכע גילדען אין טיש, די איבעריגע האָבען קיין צוברא־כענעם שילינג נישט... האַנדעלט יענער. און זיי מאַכען נאָר נישט קאַליע, איהר פערשטעהט?

— נו טאָ וואָס־זשע? קריכען זיי נאָר גלאַט נאָך צוליעב האַנדעל? מעהר גאָרנישט?

— נו טאָ וואָס־זשע? זאָל ער זיי אָוועקטרייבען פון זיך? וואָס אַרט דאָס איהם, אַז זיי קריכען נאָך?

— אָבער פון וואָס־זשע לעבען זיי, אָט די אַלע פויגעל?

— איך זאָל אַזוי טאַקע נישט וויסען פון קיין שלעכטס, — גיט מיין בעל־אַכסניא ווייטער אַ קוועטש מיט די פלייצעס, — פון נאָכפלאָנטערן זיך צווישען די פיס...

— נאָר אָט דאָס אָ — ווייזט מיר מיין בעל־הבית ווייטער אָן — בעגראָבט שוין גאָר דעם יידישען האַנדעל.

איך קוק מיך אום: אַ גוי שטעהט אויף אַ פוהר; אַזוי גרויס, ווי גוג־ומגוג, אַרויסגעסטאַרטשעט מיט זיין לאַנגען גוף איבער אַלע אַרומיגע פויערים און פויערטעס קעפ; נעבען איהם שטעהט נאָך אַ גוי'ע אויך, ער מיט אַ וואָגעל אין דער האַנד און נעהמט צו ברילעם פוטער, וואָס פויערים און פויערטעס דערלאַנגען איהם אַריבער די קעפ, און איינגשאַפט שטופענדיג זיך מיט אויסגעצוי־גענע אַריבערגעהויבענע הענד — און די גוי'ע ווייטער נעהמט צו די קוישלעך אייער, וואָס מען דערלאַנגט איהר אויך אַריבער. און דאָס אַלץ ווערט אויסגעצעהלט און אויסגעוואויגען און אַראָבגע־לאָזט דאָרט אין וואָגען אַריין, וואו זיי שטעהען, אַלע מאָל אַראָב־בויגענדיג זיך...

— דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען אַ יידישער האַנדעל, ווען האָבען קריסטען אַמאָל געוואוסט אַזוינס צו טהון, ווי היינט?

— און קיין ייד קאָן נישט קויפען?

— אָבער צו וועמען וועלען גיכער גויים ציהען? — קוקט מיך

מיין בעל-אכסניא אן, – און אפשר ווילט איהר מיר נישט גלויבען. אט קוקט דארט ביי דער זייט, אט שטעהען צוויי יידען.

צוויי יידען מיט אויסגעלאשענע אויגען, זעה איך, שטעהען פון דערווייטענס, און קוקען דערשלאגען צו דעם גוי מיט דער גוי'ע אויפ'ן וואגען, וואו זיי האבען שוין קיין הענד נישט פון צונעהמען די סחורה.

– ווער זענען זיי, די צוויי יידען?

– ווער זאלען זיי זיין? היגע. אמאל האבען זיי געהאנדעלט אויפ'ן פלאץ און געפיהרט קיין ווארשא, היינט שטעהען זיי, שלינגען דאס שפייעכץ, און יענער פיהרט קיין ווארשא, און אויב איהר ווילט מיר נישט גלויבען, אז ס'איז חלילה אוים וועלט, סיידען איין גאט זאל זיך דערבארימען – פרעגט ביי די היגע גויים, צי האט שוין דער גלח נישט געהאלטען א דרשה, אז מען זאל גאר אין קיין יידיש געוועלב אויך נישט געבען צו לייזען...

– נאר וואס דען?

– איך וויים? מסתמא וועלען זיי זיך דאך אליין מאכען געוועלבער. עס פעהלט זיי געלד, וואס? זיי קאנען דאס נישט אויספיהרען?

מיין ייד האט זיך אנגעשפארט אן א זייט פון א וועגעלע, ארויסגעשלעפט פון דארט א שטרויעלע און, דלובענדיג זיך דערמיט צווישען די ציינער, זיך ערגיץ פערטראכט אין דער ווייטער וועלט אריין מיט טרויעריג-אויסגעשטעלע אויגען.

VII.

דער רב איז געוואהר געווארען, אז עס איז דא א פרעמדער גאסט אין שטאדט, א דייטשעל; אז עפים אינטערעסירט ער זיך זעהר מיט דעם, פון וואס יידען לעבען, און ער האט מיך

שטאַרק געלאָזט בעטען, זיך מטריח זיין צו איהם. עס קאָן זיך דאָך אַלץ פערלויפען. אפשר אַמאָל האָט מיך געשיקט „באַראָן הירש" געבען אַ קוק, ווי אַזוי יידעלעך לעבען...

- שלום־עליכם, — האָט מיר אַ קליין און דאַר יידעל מיט אַ ליכטיג בלישטשעל אין די אויגען און אַ שוואַרץ גראָהליך בערדיל די האַנד דערלאַנגט און מיך געבעטען זיצען.

- איך וואָלט געוועזן — האָט ער זיך פערענטפערט פאַר מיר — צו אייך געגאַנגען. נאָר, ערשטענס, בין איך, לא־עליכם, אַ ביסעלע נישט געזונד געוועזן ביז אין האַלבען טאָג, און צווייטענס, איהר ווייסט דאָך — אַ יידען קומט שווער אָן, ביז ער ריהרט זיך אַרויס פון שטוב מיין שכן דאָ — האָט ער געוויזען מיט אַ געלעכ־טער'ל צו אַ קליינטשיק שטיבעל מיט איין פענסטער'ל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען איבער זיין פענסטער — קומט אָן גרינגער, ער פערשפאָרט פריהער צו דאַוונען...

— נישקשה — זאָג איך — נישקשה, עס מאַכט נישט אויס.

— נו, ווי געפעלט אייך אונזער שטעדטיל? — פרעגט ער מיך מיט אַ גוטמוטיג בלישטשעל אין די אויגען, האַלב אין שפּאַס און האַלב פון אמת'ער האַרציגער פרייד.

— זעהר אַ פיין שטעדטיל, זעהר אַ פיינס, איבערהויפּט — זאָג איך — די געבערג אַרום...

— אָי — מאַכט ער — איהר זאָלט נאָך זעהן, וואָס פאַר שוהל־כעל מיר האָבען אַ וואוילם מיט אַ מקוה, וואָלט איהר געזאָגט, אַז עס איז ווערט מיט בריליאַנטען צו שאַצען... נאָר וואָס דען, די ווענד זענען שוין אַביסעלע גערואינירט...

— נו, וואָס־זשע טהוט איהר?

— גאָרנישט... — האָט ער געענטפערט פרעהליך — אויף מיין דאגה... איך וואָלט נאָר גערן, אַז דאָס שטעדטיל זאָל האָבען פרנסה און לעבען זיך אַזוי בשלום ובשלוה.

— אָבער דאָך, מען דאַרף דאָך אַ זאַך פערריכטען.

— מילא, — זאָגט ער — דאָס שוהל־כעל וואָלט זיך שוין אפשר געקאָנט בעגעהן אָהן פערריכטען. איך וועל דאָך נישט געהן פון קיינעם אַרויסנעהמען דעם ביסען פון מויל. איהר ווייסט דאָך, פער־קעהרט, אַז דער מענש איז טייערער פון דעם שוהל־כעל. מחיה זיין איין נפש איז אַזוי גוט, ווי די גאַנצע תורה מקיים געווען, און אפשר נאָך מעהר: אַ שטופּע צו מעשה־בראשית... נאָר די מקוה ווייס איך גאָרנישט... איך האָב מורא, חלילה, פאַר אַ שטרויכלונג. נשים געהען דאָך דאָרט, און וויפיעל מאָל מאַכט זיך, אַז איך אַליין גליטש מיך פון אַ טרעפּיל אַראָב, זיי זענען שוין שטאַרק אַלט און אויסגעפּראָכניעט, די שעה זאָל נישט זיין דערביי...

— און ס'איז נישטאָ דאָ ביי קיינעם צו נעהמען דערויף?

— אַך, ווייס איך... — האָט דער רב אַ קוועטש געטהון מיט די אַקסלען.

— איז טאַקע נישט גוט, — האָב איך געזאָגט.

— קומט, זענט־זשע מוחל, אויב איהר ווילט אַזוי גוט זיין, וועלען מיר זיך אפשר מטריח זיין געבען אַ קוק אויף אונזער שוהל־כעל מיט דער מקוה?...

— קומט — האָב איך געזאָגט — לאָמיר געהן געבען אַ קוק.

— כ'לעבען, עס איז גאָרנישט קיין עבירה, גאָרנישט קיין עבירה... — האָט ער מיט פרייד זיך אויסגעשטעלט פון דער שטוהל.

די רביצ'ן, פּונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען די גאַנצע צייט הינטער דער טהיר פון דעם רב'ס חדר'ל, אויסהאָרכענדיג אונזער געשפּרעך, און געוואוסט, ביי וואָס עס האַלט, אַזוי האָט זי איהם שוין מיט אַ שטילער אונטערטעניגקייט דורך דער שפּאַרע פון טהיר'ל, עטוואָס אויפלעגענדיג עס, אַריינדערלאַנגט איהם די זשו־פּיצע, אין וועלכער ער געהט געוועהנליך אויף דער גאַס אַרויס. זי האָט באַלד צוריק אַוועקגענומען איהר פרום שטיל פּנים פון דער שפּאַרע, איבערלאָזענדיג נאָך איין לעצטען שטילען בליק אויפ'ן

רב, און ער האט שוין איבערגעטווישט זשופיצע.

אז מיר זענען ארויסגעגאנגען פון שטוב, האב איך פון הינטער'ן שפאנישען ווענדטיל, וואס האט אבגעצוימט די קיך פון דער רביצינ'ס שלאף־חדר, דערזעהן דעם רבינ'ס בארוועסדיגע שענע טאכטער, וועלכער'ס בליק האט אזוי שטיל ארויסגעשיינט פון הינטער'ן ווענדטיל, נאכקוקענדיג אונז.

שפעטער זענען מיר שוין געשטאנען אין שוהלכעל. א הילצערנ'ס, נאר מיט שענע געמאהלטע פויגעל און חיות אויף דער מזרח־וואנד איבער'ן ארון־קודש, וואו עס איז געווען א קליין קיילעכיג פענסטער'ל מיט א גרין שייבעל, פערשפונען מיט שפינוועבס. אין שוהלכעל איז געווען טונקעל, קוים וואס עס האט אריינגעשטראהלט עטליכע פאסיקלעך ליכטיגקייט פון דעם דרויסענדיגען שיינענדיגען טאג דורך די אויבערשטע פענסטערליך. נאר פונדעסטוועגען האט מען געקאנט זעהן, ווי די הינטערשטע באלעם ביי'ם פונדאמענט זענען שווארץ און א ביסעל צופוילט. אויף טייל ערטער איז אויך געלעגען א ווייסליכער שימעל סאמע ביי דער ערד, און קיין פאדלאגע איז גאר אינגאנצען נישט געווען; צי פאר אלטקייט האט זי אויסגעפראכניעט און מען האט איינציגווייז די פוילע ברעטער ארויסגעשלעפט, און עס איז דערנאך נישט געווען, פארוואס קיין אנדערע צו לעגען; אדער איז זי באלד נישט געווען פון דאס ניי אן? פונדעסטוועגען האט מיר דער רב מיט א קינדערשער שמחה דערצעהלט א וויץ פון א בעל־דרשן, וואס איז פארביינגעפאהרען דאס שטעדטיל: אז ווען משיח וועט קומען, וועלען זיך אלע יידען פערזאמלען אין די בתי־מדרשים און בתי־כנסיות, וועלכע וועלען זיך אויפהויבען אין דער לופט און אוועק מיט אלע יידען קיין ירושלים, — דעמאלט וועלען נאר די הינגע אליין בלייבען אויסען... איהר פערשטעהט... — האט ער מיר מיט א גוטמוטיג בליש־

טשעל געקוקט אין די אויגען אַריין, און געריבען זיך די הענד פאַר פרייד. עס האָט איהם, ווייזט אויס, אַ הנאה געטהון דאָס שפּיצעל-זאָל שוין אַזוי זיין, אַבי משיח זאָל קומען...

VIII.

ביי דער מקוה האָבען מיר נישט לאַנג געזוימט. צוקומענדיג דאָרט אַהין, האָט זיך נאָר דער רב געמאַכט אַ געלעכטער׳ל מיט׳ן בעדער:

– ירחמיאל, – האָט ער געזאָגט, – דו וועסט שוין באַלד נישט דאַרפען פאָהרען אין וואַלד אַריין נאָך בעזימלעך. עס וואַקסען שוין, זעה איך, אויפ׳ן דאַך גאַנץ שענע בוימער...

און דער בעדער האָט געשמייכעלט:

– נו, וואָס איז? וועל איך מיר איינבריינגען אַ פינף-און-צוואַנציג רובל אַ וואָך...

דערנאָך זענען מיר צוריק געגאַנגען מיט דעמזעלבען וועג.

– זענט-זשע מוחל, – האָט ער מיר צוריקגעהענדיג געזאָגט, – איך האָט אייך נאָך אַלץ נישט געפרעגט, פון וואַנען איהר זענט...

– איך בין פון וואַרשאַ, – האָב איהם געענטפערט.

– אַזוי... – האָט דער רב געמאַכט, – נו, אין וואַרשאַ געהט עפּיס גוט יידען, כ׳מיין, יידען האָבען פרנסה?

– פערשיעדען, – האָב איך געענטפערט.

– נו, און די רייכע העלפען כאָטש אַמאָל אונטער די אָרימע, כ׳מיין, יידען בני-רחמנים, צי איז זיי כאָטש געבליבען די דאָזיגע מדה?

– וואָס הייסט, עס „כאָטש?"

– כ׳מיין, – האָט דער רב אַביסעל פערשעמט געזאָגט, –

מילא, מ'זאָל חלילה נישט ריידען קיין שלעכטס אויף יידישע קינדער, נאָר מען זאָגט, אַז דאָס יידישקייט איז דאָרט אַ ביסעלע געפאַלען...

— ע, — זאָג איך — רבי, גלויבט נישט, אין אַ גרויסען טייך איז פאַרהאַן פערשיעדענע פיש, אי אַזעלכע, אי אַזעלכע...

— אַזוי?... — האָט עס דעם רב אַ הנאה געטהון, — נו, גאַנץ גוט טאַקע, גאַנץ גוט... וואָרום ווענען פינף צדיקים קאָן שוין אויך נישט קיין שטאָדט אונטערגעהן...

— איך וועל נישט זאָגען — זאָג איך איהם ווייטער — אַז אַלע זענען פרומע יידען, אַז אַלע זענען עהרליכע, נאָר גאָרנישט...

— מילא, יאָ, איך פערשטעה... יידען בלייבען דאָך שטענדיג יידען, ווי אַזוי זיי זאָלען נישט זיין, יעדערער דינט זיך גאָט אויף זיין שטייגער. למשל, די דייטשען, האָב איך געהערט, זענען גרויסע בעלי־צדקות...

— און גרויסע כלל־טהוער, — האָב איך צוגעגעבען.

— אַזוי!... — האָט זיך דער רב פערוואונדערט. נו, איז דאָך טאַקע גוט, אדרבא, זיי טיילען זיך, חלילה, נישט אָב פון כלל, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זאַך.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — און דער גרעסטער פון זיי איז דאָקטאָר נוסבוים.

— ווער איז דאָס, אַ דאָקטאָר? אַ יידישער דאָקטאָר מן הסתם, אודאי, האַ?

— יאָ.

— אָבער — און דער קומט נישט צופאָהרען אום יום־כפור אין אַ קאַרעטע אין שוהל אַריין?...

— כ'וועל אייך זאָגען, רבי'שי, עס איז מיר שווער צו זאָגען... וואָרום אָבנאַרען האָב איך איהם, חלילה, נישט געוואָלט, און אָנטהון עגמת־נפש אויך נישט).

— זאָגט, זאָגט, — מאַכט ער צו מיר — איך בין חלילה נישט

אַזאַ האַרבער, זאָל איהם נאָר גאָט אַזוי מוחל זיין, ווי איך בין איהם שוין מוחל.

— ניין, רבי, איך קאָן אייך נישט זאָגען. איך בין נישט מיט איהם אַזוי נאָהנט, און איך אַליין האָב עס נאָך נישט געזעהן.

— גאַנץ גלייך, — האָט דער רב צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און איז בעשטאַנען, — ס'איז נישט אַזוי גרינג אַ ייד דן צו זיין, חלילה, ווי אַזוי אַ ייד זאָל נישט זיין, בפרט נאָך, ווי איהר זאָגט: אַ גרויסער כלל=טהוער.

— יאָ, אפילו אין חדרים פון יידישע קינדער מישט ער זיך אויך אריין, און אַ סך שטעהען טאַקע אונטער זיין השגחה.

— טאַקע! זעהט ער יאָ, אַז גאָט'ס תורה זאָל נישט פֿערגעסען ווערען?

— יאָ, און אַז אַ יידיש דור זאָל אויפֿוואַקסען.

— וואָס הייסט? מען דאַרף ערשט זעהן? ווי קאָן עס דען גאָר זיין אַנדערש?

— יאָ, נאָר אָבער די קינדער?

— נו, וואָס=זשע די קינדער, זיי וואַקסען דאָך ביי יידישע עלטערן, ווי אַזוי=זשע דען?

— נו, מילא, איך ווייס... — האָב איך שוין אַליין אויך געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

דער רב האָט מיך אַביסעל אָנגעקוקט מיט אַ שטילער אויפֿמערקזאַמקייט, אין מיין פּנים איז, ווייזט אויס, פֿאָרגעקומען אַ שטיקעל ענדערונג, איבערהויפּט אין קול ביי מיינע לעצטע ווערטער, ווען איך האָב מיך אַוועקגעדרעהט.

— נו, געהט מיר לחיים ולשלום, — האָט ער מיר שטיל געדריקט די האַנד, — ווי איך זעה, האָב איך אייך אַ ביסעלע עגמת-נפש אָנגעטהון מיט מיין פרעגען. נאָר איך גלויב באמונה שלמה, אַז דאָס יידישקייט וועט קיינמאָל נישט אונטערגעהן...

„וואָהל דיר, אלטיטשקער, — האָב איך געטראַכט, שוין נאָכ-

קוּקענדיג איהם הינטער די פּלייצעס, ווען ער האָט זיך דערוואַר־
טערט פון מיר, – ווען דו וואָלסט אָבער געזעהן, ווי אין די וואַר־
שאָווער הויפען שפּיעלען יידישע קינדערלעך אין באַלען און לאָזען
שוין קיין יידיש וואָרט נישט ארויס פון מויל באַלד פון קליינערהייד
אָן – איז, ווער ווייסט, דו אַלטיטשקער מאַן, צי וואָלסטו דיך נישט
צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, נאָר דו, אַלטיטשקער, גלויבסט באמונה
שלמה, אז די דייטשען זענען גרויסע „בעלי־צדקה״...

די ערשטע רייע.

די ערשטע רייזע.

(ערינגערונגען).

מיין זיידע האט געוואהנט אין א שטעדטיל אראמאוו, אין וועלכען די יריד'ס=לייט פון אונזער שטאדט פלעגען פאהרען אויף די דארטיגע ירידים איין מאל אין זעקס וואכען. דער זיידע איז שוין אמאל געהאט געווען ביי אונז צו=גאסט אויך. א מאגער, גרייז=גראה יידעל, נאך נאך רויזע באקען מיט קינדערשע בלאהע אויגען, אין אנ'אבגעבלאקירטער קאפאטע, מיט א קאשקעטיל אויפ'ן קאפ, אלט, פארצייטיש. איינמאל, פרייטאג, בין איך געפאהרען צו איהם אויף שבת. אבער אצינד פאהר איך שוין נישט, ווי אלע מאל, נאכגעהאנגען אויפ'ן דרענגעל נאך א פוהר פון אונזער שטוב ביז צו דער בריק, אדער צוריק, ביז אין מארק אריין; איצט זיץ איך אויף א וועגעלע, די מאמע שטעהט דערביי, פאקט מיר ארונטער עטליכע הערינג אין א פאפיער און אין א פאטשיילעכיל איינגעוויקעלט אונטער'ן שטרוי פון געזעס. — טאמער איז דארטען נישטא קיין פיש אויף שבת, אין א קליין שטעדטיל, — זאגט זי מיר, און איך פיהל, אז איך פאהר, ווי עפעס מיט א מין שליחות... דערביי זעה איך, ווי איהרע באקען זע-נען פערראויטעלט, די אויגען בלישטשען, עס טהוט איהר אליין אויך א הנאה מיין רייזע, און אין מיר צאפעלט שוין דאס הערצעל, איך הויב מיך אוש פון געזעס אראב, מיט אנ'אינוועניגסט טענצעל אונטער:

— נו, אַ סוף, זאָל מען שוין פאָהרען...

נאָר נעבען מיר זיצט דער שוך־סוחר, אברהם הערשעלס, וואָס האָט אַ לאַדונג אין „סאַנד" פון יענעם שטעדטיל מיט אַ שײַגעץ, וואָס האָט בײַ איהם צונג׳גנב׳עט אַ פּאָר שטיוועל אויף אַ דאָרטיגען יריד — און ער איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיג. ער דרעהט זיך און מאַכט זיך נאָך אַלץ דאָס געזעס צו־רעכט. נאָר אַט האָט ער זיך שוין געגעבען אַ זעץ אַרײַן אין געזעס, אַ מאַך אַרײַן די פּאָלעס צווישען די קניע און אַ שאָקעל געטהון צום פוהרמאַן מיט׳ן פּנים און מיט דער באָרד: נו, פאָהר!...

— מאַמע, בלײַב געזונד! — שרײַ איך אויס.

— פאָהר געזונטערהייד — שרײַט זי מיר נאָך, ווען דאָס וועגעלע האָט זיך שוין גערירט פון אָרט — למען השם, זאָלסט דאָרט זאָגען דעם זיידען, ער זאָל מיר בעפעהלען, פאַרוואָס די טומע בײַלע האָט שוין אַזוי לאַנג נישט...

וואָס — האָב איך שוין נישט געהערט פון איבעראַשקייט פון מײַן פאָהרען און דער מאַמעס נאָכלויפען, נאָר איך האָב געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ...

איך בין שוין געווען גליקליך, אַז דאָס פוהר׳ל איז אַרויס הינטער דער שטאָדט. איך זיץ ברייט, גרעפּיש נעבען דעם שוך־סוחר, וואָס דרעמילט שוין, זעה איך, פערשטעקט די הענד אין די אַרבעל פון זינט מען איז נאָר אַרויס הינטער דער שטאָדט. דאָס וועגעלע שאָקעלט זיך און ער — דעסגלײַכען, מיט אַן׳אַראָבגעהאָנגענעם קאָפּ אין בוזים אַרײַן, אַלע מאָל אַרויספאַלענדיג מיט׳ן שפּיץ־נאָז אויפ׳ן קנעפּיל און אַ וויעג זיך צוריק, אַז איך שטיק מיך אַזש פון געלעכטער, נאָר איך האָב מורא אַרויסצולאַכען... אַלע גרויסע יידען זענען פּונקט ווי די לעבעדיגע מענשען. מײַן טאַטע, אַז עס קומט שבת נאָך דעם עסען, מעג די זון בלאַשקען אין אַלע פענסטער, פערמאַכט ער זיך די לאָדענס און לעגט זיך שלאָפען. און אין דרויסען איז אַזוי ליכטיג, שײַנט אַזוי די זון איבער אַלע

פלעצער און אזוי פיל יינגלעך שפרינגען ארום איבער די קלעצער... נאר מיין טאטע איז שוין א גרויסער מענטש, גייט אין גרויסע שטיוועל אנגעטאן... און מיר טוט שרעקלעך באנג, פארוואס מען ווערט א גרויסער מענטש און מען גייט אנגעטאן אין גרויסע שטיוועל.

איך קוק מיך אום איבער'ן פרייען פעלד. א שיינע, ליכטיגע זון שטייט אין מיטן בלויען הימל און קוקט אראפ, ווי אונזער איינזאם וועגעלע שלעפט זיך מיט'ן איינגעשלאפענעם בעל-עגלה, וואס שאקלט שוין אויך אזוי מיט'ן קאפ, ווי דער שוך-סוחר; ער שלאפט, די וואטענע קאפאטע גליט פון די ליכטיגע שטראלן, וואס די זון שיקט אים אויף זיינע פלייצעס. און ארום איז שטיל. מען הערט קיין שארך ניט, נאר פון צווישן די גראזן — א לאנגן אויסגעצויגענעם: ציש-ציש-ציש... און ווידער ווערט א שטילע פארזונקענהייט.

עס דאכט זיך, אז דער וואלד שווייגט אויך. און די זון, שטייענדיק איבער זיינע שפיצן ביימער, קוקט מיט א שטילער אויפמערקזאמקייט אויף דאס פעלד, און מיר ווערט אונהיימליך.

באלד זענען מיר פארביי געפארן דאס ערשטע דארף, וואס שטייט אויפ'ן פעלד לינקס. א קופקעלע שטרויענע דעכלעך מיט בלישטשענדיקע שייבלעך, וואס קוקן פארזונקען אין שטילקייט צו אונז פון צווישן די ביימער, וואס שטייען אויף ביידע זייטן טראקט; און מיר, פארנדיק אין דער מיטן מיט א שטיל אפקלאפן פון וועגעלע, וואס שלאגט אפ א ווידער-קול צווישן די צווייגן, האט זיך געדאכט, אז מיר גנב'ענען זיך עפעס אריין שטילערהייד גאר אין אן'אנדער שטילער וועלט.

אין מיטן האט ערגיץ-וואו אויסגעקרייט א האן און א לאנגער נאך-נגון איז געבליבן הענגען אין דער שטילער לופט...

מיר זענען געפארן אלץ ווייטער. מער שוין נישט קיין ביימער. נאך א פאר דערפלעך, נאך עטליכע קופקעלעך הייזלעך

אומעטום די אייגענע קליינע ברינעמלעך אויף ווייסע זאמדיגע פלעצער, מיט די זעלבע „קליטשקעס״, מיט וועלכע מען ציהט ארום דאָס וואסער — און אומעטום די אייגענע שטילקייט. אויב א פויער איז ערגיץ געשטאנען פאר א טהיר פון זיין הייזעל, האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט שוין דאָ לאנג פערגליווערט געשטאנען, אין די בלויזע העמד־ארבעל, פערלעגט א האנד אויף א האנד מיט א הוילען קאָפּ, קוקענדיג מיט צוויי בלישטשענדיגע שטילע אויגען אין דער וויטער וועלט אריין. און אויב א שיקסע איז ערגיץ צו א ברונעם צוגעגאנגען נאָך א קריגעל וואסער און א סקריפּ געגעבען מיט דער קליטשקע, האָט זיך געדאכט, אז די גאנצע לופט איז צושאָקעלט געוואָרען.

ערשט פארנאכט זענען מיר אָנגעקומען צו דעם שטעדטיל אדאמאָוו.

מען פאָהרט אריין אין א געסיל צווישען הילצערנע פלויטלעך, וואָס ארום פעלדער מיט גרינע קארטאָפלעס־שטענגלעך, באלד האפט זיך אויף דער שוך־סוחר און ווייזט מיר אָן אויף דאָס ערשטע הייזעל פון שטעדטיל: אָט־אָ־דאָ איז די קאָזע... א קליין פענסטער׳ל מיט גראטעס. ביי׳ם פענסטער׳ל „ווינקעל אָן ווינקעל״ שטעהט צוגעטשעפעט נאָך א קליין, ווייס הייזעל מיט צוויי פענסטער, דערנאָך נאָך איינס און נאָך איינס און דאָס גאנצע שטעדטיל ליעגט אונז שוין פאר די אויגען.

מיר פאָהרען אריין אין מארק: — א ליידיגע גרויס; פון איין עק ביז צו דעם אנדערן — א האלב וויאָרסט. ארום און ארום שטעהען קלייניטשקע הייזלעך, מיט בלישטשענדיגע שייבלעך און שטרויענע דעכלעך. א טייכעל אין דער מיט, און אין זיין שפּיעגעלדיגען וואסער־דעק שפּיעגעלט זיך אָב דער בלאָהער הימעל און דער שפּיץ פון קאָסטיאָל, וואָס זעהט אויס ווי אין וואסער אריינגעהאָנגען פון הימעל אראָב. פון איין זייט מארק שטעהען די מארק־געוועלבען — א לאנגע מויער. דאָ איז אויך דער סאָנד, די אפּטייק,

די קאַנצעלאַריע פֿון שטעדטיל, און דער נגיד פֿון היַע, „ר׳ אפרים בונם״, וואוינט אויך דאָ.

דאָ, ביַי דעם פּלויטעל, פֿאַר די פֿענסטער פֿון „סאָנר״, שטעלען מיר זיך אָב. מיר קריכען אַראָב פֿון דער פֿוהר אַזוי פֿאַמעליך, פּונקט ווי דער מאַרק וואָלט אונז איַנגערוימט: „פּאַמעליך, שטילער, שאַ״...

דער גאַנצער מאַרק איז בעוואַקסען מיט גראָז, און אַז איך האָב ערשט דערפֿיהלט די ערד אונטער מיר, איז עס מיר געווען פּונקט, ווי איך וואָלט זי שוין יאָהרען לאַנג נישט אָנגעטאַפּט, און זי און די גאַנצע שטילע לופֿט אַרום האָבען מיר אויסגעזעהן פֿרישער און רוהיגער אַ סך.

איך האָב מיר אָבגעשאָקעלט דאָס קאַפּאָטקעלע פֿון דעם שטרוי, וואָס האָט זיך אָן מיר אָנגעקלעפּט אויפֿ׳ן וואָגען זיצענדיג, און האָב געפֿרעגט:

— וואו וואוינט דאָ מיַין זיידע?

— אָט=אָ=דאָ... — האָט מיר דער שוך=סוחר אָנגעוויזען-גלייַך...

איך געה=צו, נאָר איך האָב מורא, איך זאָל נישט אַריַינטרעפֿען צו אַ גוי אין שטוב אַריַין; און אין איַין פֿענסטער׳ל זעה איך שוין טאַקע בלומען=טעפּלעך...

איך שטעל מיך אָב. אַנטקעגען מיר שטעלט זיך אויך אָב אַ קליַין מיידעלע מיט בלאָהע אויגעלעך, און זיי קוקען אויף מיר אַזוי פֿרעמד, און זי קאָן זיי נישט אָבריַיסען פֿון מיר פֿאַר גרויס וואונדער...

— „איך בין נישט קיין היגער״ — האָב איך איהר שוין שיער נישט געוואָלט אַרויסזאָגען, נאָר איך האָב זיך געשעמט פֿאַר איהר, און זי איז אַלץ געשטאַנען מיט אויסגעשטעלטע אויגעלעך און אָפֿענע ליפּעלעך...

אַ יידענע, אַ דערביַיאיגע שכנ׳טע, איז אַרויסגעלאָפֿען פֿון

אַ שטוב, מיט פֿעדשאַרטע אַרבעל, דאָס פּנים פֿערוויטעלט און פֿער־טהון, און מיט גיכע בלישטשענדיגע בליקען אַ פֿרעג געטהון:

— יונגעלע, וואוהין ווילסטו?

— וואו וואוינט דאָ מיין זיידע, הערש וואָלף, אַ שוסטער?

— וויַיז איהם דאָרט אַריין, מירעלע! — גיט די יידענע אַ געשריי צו צום מיידעלע און פֿערשווינדט צוריק אין איהר שטוב אַריין.

דאָס מיידעלע שטעהט אָבער און קוקט מיך אָן און קאָן זיך פֿון אָרט נישט ריהרען. איך ווער ווי איינגעשרומפּען און וויל שוין צוגעהן צו איהר אַ ביסעל נעהנטער: מיידעלע, זאָג מיר...

נאָר אָט לויפֿט פֿאַרביי אַ ייד, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע צולאָזט, די ציצית פֿון טלית־קטן אַרויס, די פּאות נאַס פֿון דער מקוה... פֿונדעסטוועגען גיט ער זיך אין אימפּעט אַ שטעל־אָב און אַזאַ גיכען פֿרעג מיט אַ גיכען קוק אויף מיר:

— צו וועמען יינגעלע?

— צו מיין זיידען — זאָג איך — הערש וואָלף, דער שוסטער...

— אַ, הערש־וואָלף חזן...— חאַפּט ער אין דער געשווינד אונ־טער און אַ שאָקעל אַרויף מיט׳ן קאָפּ — נו, געה, געה דאָ אַריין — וויַיזט ער מיר שוין אָן אויף דער הויז־טהיר — אָט אין יענער זייט, — און ער אַנטלויפֿט.

איך מאַך־אויף די טהיר און פֿרעג אויף דער שוועל, שוין מיט קוראַזש:

— דאָ וואוינט הערש וואָלף דער חזן? — און איך פֿיהל, ווי אַ היץ גיט מיר אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין, ווייל איך ווייס עפּעס אַליין נישט, ווי אַזוי מיין זיידע, דער שוסטער, איז אין דער מינוט פֿער־ביטען געוואָרען אויף אַ חזן.

נאָר צו מיר ווענדט זיך אַן׳אַלטער מענש מיט אַ שטיל אויפֿ־מערקזאַם בלישטשעל אין די אויגען:

— האַ... וואָס?

— באָבע? — זאָג איך, און זי כאַפּט מיך שוין אַרום און הויבט מיך אָן צו קושען.

— איך האָב באַלד געוואוסט, — האָבען די ליפּען זיך געשאָקעלט און דאָס פּנים האָט געשטראַהלט קוקענדיג אויף מיר, — אַז דו ביזט אסתר'לס זוהן...

מײַן באָבע האָט געהײַסען פײַגע, מײַן מאַמע — אסתר. די באָבע האָט מיך נישט געזעהן, זינט זי לעבט, און דאָך האָבען מיר זיך בײדע דערקענט. איבערהויפּט זי מיך האָט שטאַרק דערקענט.

— אינגאַנצען אסתר'לס אָנבליק... — האָט איהר פּנים נישט אויפגעהערט צו שטראַהלען און געקרײַזעלט מיר אַ פּאה'לע.

איך האָב געהאַלטען די ברעמען אַראָב, זי האָט מיר אַ קוש געגעבען אין שטערן און געזאָגט:

— בלײַב דאָ!... — און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אויף אַ ווײַלע.

זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט צווײ ווײַסע דאָרפס־קוילעטשלעך מיט פלעכטלעך, האַלטענדיג זײ אונטער'ן פאַרטוך. זי האָט זײ אונטער'ן טישטיכעל צוגעלעגט צו יענע חלות, וואָס זענען שוין געלעגען געגרײַט צום טיש, און איך האָב שוין אויך געהאַט אַ שבת.

— וואו איז דער זײדע? — האָב איך מיך ערשט איבער'ן שטיבעל אַרומגעקוקט.

— ער איז אין בית־המדרש'ל — האָט זי געזאָגט, און צוגעגעבען — דאָס בית־המדרש'ל איז דאָ הינ ווײַט אויפ'ן פעלד...

אין שטיבעל איז געווען שטיל. צווײ וואַרשטאַטלעך זענען געשטאַנען בײַ די ווענד; בײַ דעם אײנציגען קלײנעם פענסטער'ל אויבען־אָן איז געשטאַנען דאָס טישעל, שוין געגרײַט צו שבת מיט די חלות און די מעשענע לײַכטערלעך מיט די ליכט אַרײַנגעשטעלט, נור אָנצוצינדען. בײַ דער זײַט פון טישעל, רעכטס פון

פֿענסטערל — אַ הויכער פֿאַרצײַטיגער קאַסטען מיט אַן אָבגעבלאַ־קירטען ווײַסען דעק. לינקס פֿון טישעל איז געשטאַנען אַ שטוהל, פֿאַר דער הרובע — אַ לאַנגע הילצערנע באַנק, און נאָך אַנדערע קלײניגקײַטען, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט אין די ווינקלען פֿון שטיבעל. די באָבע איז שוין געשטאַנען אָנגעטהון אין אַ שבת'דיג קופּקעלע, אַ ווײַס, מיט ווײַסע פֿעלדלעך, און אײַנגאַנצען האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ שיפֿעל, וואָס פֿערדעקט איהר די שלײף־ווינקלען ביז איבער די אויערן, און מען זעהט פֿון איהר אַרויס נור דאָס פֿאָרענדיגע שטיקעל פּנים, און די געמבע, וואָס האָט זיך, דאַכט זיך, ווי געשאָקעלט.

זי האָט שוין געצונדען ליכט. די זון אין דרויסען איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען. דער פֿלעק, וואָס איז געשטאַנען פֿריהער רויט אויף דער וואַנד, וואו עס האָט אַרויפֿגעשלאָגען די שײַן פֿון אַנט־קעגען־איבערדיגען פֿענסטערל, איז שוין אײַנגאַנצען טונקעל געוואָ־רען. עס איז געוואָרען רויטער, ליכטיגער פֿון די אָנגעצונדענע ליכטלעך אין שטיבעל, און איך האָב מיך דערפֿיהלט שבת אין דער פֿרעמד.

שוין פֿרײַטאָג־צו־נאַכט. די ליכט־פֿלעמלעך שטעהען מיט אַ רוהיגער גלאַטקײַט. דאָס גאַנצע שטיבעל איז שטיל און פֿער־טראַכט. עס טראָגען זיך די ריחות פֿון די מאכלים, צונויפֿגעמישט מיט דער וואַרימקײַט פֿון קוימען, ביז עס ווערט שפּעטליבער, און דער זיידע, אַן אויסגעפּוצטער אין שבת'דיגע קליידער, עפּעס גאָר אַן אַנדערער ייד אין אַן אַנדער דינער, שוואַרצער קאַפּאָטע, ווי אין דער, אין וועלכער ער איז געווען בײַ אונז צו גאַסט — מיט אַ רויט פּאַטשײלעכיל אַרומגענומען דעם האַלז, קומט ער אַהײם פֿון בית־המדרש'ל, דאָס פּנים זײַנס לײַכט, איז זויבער אָבגעוואַשען, און מיט אַ שײַנענדיגען קלאָרען שמײכעל אויפֿ'ן שטערן און אין די ליעבע שטילע אויגען האָט ער אונז כּמעט אַ „גוט־שבת" בעגעגענט.

די באָבע האָט איהם פֿרומליך אָבגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ,

זיצענדיג אויף דער באַנק פאַרן איַיוען, און ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב און ליעב שמייכלענדיג מיך בעטראַכט. נור קיין „שלום" האָט ער מיר נישט געגעבען. אַזוי האָט ער זיך שטענדיג געפיהרט – פרייטאָג נאָך צוועלף האָט ער קיינעם מיט קיין „שלום" נישט בעגעגענט.

ער האָט אַראָבגענומען דאָס פאַטשיילעכיל פון האַלז און עס האָבען אַרויסגעקוקט צוויי ווייסע שפיצען פון העמד=קאָלנער, ווי ביי אַ קיטעל, און זיי זענען געווען פערשלייפט מיט צוויי ווייסע בענדלעך. ער האָט צו דער באָבען מעהר נישט גערעדט, צו מיר אויך נישט, נאָר מיט אַ גוטסקייט, וואָס איז געלעגען אויסגעגאָסען אין זיין יעדען שטילען ריהר, ווי פון אַן'אַלטיטשקען זיידעשי – האָט ער זיך אָנגעהויבען איבער דער שטוב אַרומצודרעהען אויף און אָב, מיט אַ פערשטעקטער האַנד אין די הינטערשטע קעשע=נעס – און געשומען זאָגען: „במה מדליקין" און – „במה אין מדליקין"... „אין מדליקין" – האָט ער אָנגעהויבען שטיל און צער=טליך זיך אויסצורעכענען מיט זיין אַלטיטשקען, זיס טויבען=קול: נישט מיט דעם און נישט מיט יענעם – האָט ער אַוועקגע'פסק'ענט פערשיעדענע מאַרטען בוימוויילען און פעטיגקייטען; און מיט וואָס מעג מען יאָ – האָט ער ערשט דערנאָך צוגעגעבען מיט אַ ווייך קלינגענדיג קול, ווי עס וואָלט איהם אַליין אויך אַ הנאה געטהון: מיט דעם – יאָ, און מיט דעם – יאָ, און מיט דעם – אויך...

און די גראָשענע ליכטלעך מיט חלב, אונטערשמעלצענדיג זיך אין די בלאָהע רויטליכע פלעמלעך אַריין, האָבען דעם זיידעס צו'פסק'נען צוגעהערט און האָבען מיט אַ בעזונדער שבת'דיגער היי=ליגקייט צוגעשיינט איהם אין פנים אַריין. נאָר ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען אויף און אָב, ביז ער האָט דאָס שטיבעל פול געמאַכט מיט דעם ליעבען שבת=קדש, און דער באָבעס אויגען האָבען מיט גרויס גוט=הערציגקייט געקוקט פון פאַר דער הרובע צום טישעל מיט די שבת=שיינענדיגע ליכט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי

קוקט אויף זײַ מיט אַ בלישטשעל: רבונו של עולם, ווער קאָן פֿערשטעהן דײַנע ווערק און דײַנע גרויסקײַטען אויף דער וועלט... און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז דאָס רעכטע אמת׳ע אָרט, וואו דער ליעבער שבת-קודש האָט צו רוהען, און אַז פּונקט אין אַזא בית-המדרש׳ל, פֿון וועלכען דער זיידע קומט ערשט, האָבען זיך די פֿאַרצײַטיגע תנאים אויך צונויפֿגעקליבען, און יענץ איז אויך געשטאַנען אַזוי ערגיץ אויפֿ׳ן פֿעלד; און אַז עס איז געקומען פֿרײַטאָג נאָך צוועלף, האָבען זיי דאָרטען אויך אָנגעהויבען צו פּסק׳ענען: „במה מדליקין״ און במה „אין מדליקין״.

די באָבע האָט זיך שוין געפּאָרעט בײַ די געריכטען, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿ׳ן קוימען. עס איז געוועזען שבת אין דעם שטיבעל, מען האָט געגעסען, געטרונקען, געלויבט גאָט און געגאַנגען שלאָפֿען.

שפּעט אין דער-נאַכט. די ליכט האָבען שוין לאַנג געהאַט אויסגעשמעלצט. מיר זענען געלעגען אויף די געלעגערס — איך אויפֿ׳ן קאַסטען, די באָבע אין דעם ווערקעל, וואָס איז געשטאַנען בײַ מיר צוקאָפּענס; דער זיידע אין דעם צווייטען, וואָס איז געשטאַנען איבער דער אַנדער זײַט טישעל, דורך דעם פֿענסטער׳ל, וואָס איז געוועזען רעכטס פֿון מײַן געלעגער און איבער דעם טישעל, וואָס איז געשטאַנען בײַ מיר צו-פֿוסענס, האָט אַ קײַלעכדיגע לבנה אין דעם שטיבעל אַרײַנגעשײַנט און איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿען. איך האָב מיך אויפֿגעזעצט, מיט די הענד אונטערגעשפּאַרט אונטער׳ן פּנים און מיט׳ן קאָפּ אין פֿענסטערל אַרײַן און האָב אַרויסגעקוקט. דער לבנה׳ס געלער שײַן איז געוועזען אויסגעגאָסען איבער די בלעטליך פֿון די געוויקסען אין גאָרטען, און איז געוועזען אינגאַנצען פֿערזונקען אין אַ געלבליכער פּונקעלהײַט פֿון דער דאָזיגער שענער נאַכט. אַרום און אַרום איז אַלס געוועזען שטיל, ווי אויסגעשטאָרבען. נור פֿון דער-ווײַטענס האָבען צו מיר פֿונקלענדיגע שטערנדלעך אַראָבגעבלישטשעט, וואָס האָבען זיך ווי געלאָשען און געצונדען אין דעם ווײַטען האָריזאָנט, און ליכטיגע זילבערנע שטראַהלען

אָבגעשײַנט אין דער לעערקײַט אַרײַן. דעם בעל-הגוף׳ס פֿון דעם הײַזעל אַ שײַער איז געשטאַנען אַראָבגעדרוקט טיעף אין גאָרטען, און די וואַנד אַנטקעגען אונז איז געוועזען אײַנגעהילט אין שאָטען, נאָר דער שטרויענער דאַך האָט געבלאַנקט מיט אַ קריסטאָלענעם גלאַנץ, און די שפּיצען פֿלעקער, וואָס זענען געזעסען רײַטענדיג איבער׳ן שפּיץ רוקען פֿון דאַך, האָט זיך געדאַכט, קוקען ערגיץ־ווײַט אין דער וועלט אַרײַן, און די לבנה שטעהט אײַנע אַלײַן אין דער גאַנצער אַרומיגער בלאָהער ווײַטקײַט. איך האָב מיך פֿערטראַכט וועגען די שטילע נעכט בײַ אונז אין דער-היים, אין וועלכע איך פֿלעג אײַנער אַלײַן געהן רײַסען בארנעס, און איך האָב מיך אָנגעהויבען אײַנצוקוקען אין גאָרטען אַרײַן צווישען די בלעטער, צי וואַקסען נישט דאָ אויך קײַן באַנעס, ווי בײַ אונז אין דער-היים. נאָר אין דער טונקעלהײַט צווישען די בלעטער בײַ-נאַכט איז קוקענדיג דורך דעם פֿענסטערל גאָרנישט געווען צו דערקענען. בלעטלעך בעגאָסען מיט געלער לבנה-שײַן, און איך זעה נישט די קאַנטען פֿון זײ, צי זענען זײ זעגעדיג, צי גלאַטיג אַרומגעקײַלעכדיגט. און אַרום איז שטיל, עס איז אָנגעזאַפּט מיט נאַכט-סודות די גאַנצע אַרומיגע שטילע נאַכט;

איך בין אַנטשלאָפֿען געוואָרען. און איך ווײס נישט ווי לאַנג איך בין אָבגעשלאָפֿען — ביז וואַנען איך האָב מיך נאָכאַמאָל אויפֿגעכאַפּט, מוז זײַן, אַז עס איז שוין געווען פֿאַרטאָג צו. די לבנה, וואָס איז פֿריהער געשטאַנען אַנטקעגען איבער דעם פֿענסטערל, איז שוין געהאַט אינגאַנצען אַרונטערגעגאַנגען, און מען האָט זי שוין נישט געזעהן מעהר. און דער זײדע איז שוין אויך נישט געווען אין שטיבעל. איך האָב געפֿיהלט, ווי זײַן בעט איז לײדיג, און האָב מיך געווענדט צו מײַן צוקאָפּענס, וואו די באָבע איז געלעגען, אײַנגעהערט זיך צי זי שלאָפֿט ניט און זי געפֿרעגט, וואו דער זײדע איז. זי האָט אַ שטילען קרעכץ געגעבען און געזאָגט:

— אין בית-המדרש׳ל...

עפּעס האָט מיך אַ שטילער פּחד אַרומגענומען פֿאַר דעם

זיידענ׳ס פלוצלינגען פערשוואונדען ווערען אין דער האלבער נאכט, ווען ארום שלאפט די גאנצע וועלט און אומעטום איז פינסטער. איך האב דײַטליך געפיהלט, ווי דאס גאנצע לעבען איז נור עפּיס אַ שטילער סוד — און האב מיך אײַנגעקאָרטשעט אונטער דעם צודעק. אָט שטעהט פאַר מיר דעם זיידענ׳ס געשטאַלט, אַ שוועבענדיגס, און דאס בעט זײַנס, פיהל איך, איז ליידיג. אָט אַזוי בלײַבט אויך אַ געשטאַלט שוועבען נאָך זײַן טויט. עס בלײַבען נאָך אפילו טײלמאָל די קלאַנגען פון זײַן קול אויך אַזוי אַרומשוועבענדיג אין דער לופט. און שוין בײַם לעבען קלעטערט מען אַרום אין די פעלדער און אין די וועלדער, ווי אַ שטילער סוד, אײַנזאַם, ווי אַ שטילער גלגול, אַנ׳אָבקומען פאַר יענער וועלט — און אַ שרעקליך רחמנות און בענקשאַפט נעהמט מיך אָן צו די מענשען און דערהויפט צו מײַן זיידען.

נאָר מײַן זיידע איז דאָך אָבער געגאַנגען אין בית־המדרש׳ל אַרײַן, און ער וועט דאָך שוין געוויס האָבען יענע ליכטיגע וועלט... אַ גאַנצע וואָך שטעהט ער אויף אַלע מאָל אַזוי אין מיטען דער נאַכט, טהוט זיך אָן, קײנער זעהט ניט, קײנער הערט ניט, און פערשווינדט אין דער פינסטער גלײַך אין בית־המדרש׳ל אַרײַן, ערגיץ אויפ׳ן פעלד... און מיר שטעלט זיך פאָר דאס בילען פון די הינד און דעם זיידעס אַ דורכגעהן צווישען די פּלויטען, ביז ער קומט שוין אויס דעם שטעדטיל אַרויס, און עס נעהמט מיך אָן נאָך אַ דאָפּעלט בענקשאַפט צו די בלאָנזשענדיגע נשמות אויף דער וועלט, און טוליע מיך נאָך מעהר אײַן אויף מײַן געלעגער.

עס האָבען שוין די העהנער געקרײַהט אויף טאָג און מיך האָט ווײַטער אָנגענומען אַ זיסער שלאָף.

ווען איך האב מיך דאס צווייטע מאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין דער גאַנצער פלאַץ פאַר׳ן פענסטער׳ל מיט אַלע פעלדער געווען בעגאָסען מיט אַ שענער העלער ליכטיגקײַט פון דער שײַנעדיגער זון אין מיטען הימעל, עס האָט שוין דער טאָך פון בעל-

גוף'ס שײַער געקוקט ליכטיג אין דעם פֿרײַען, ברײטען און אָפֿענעם הימעל אַרײַן — און איך בין אויך אַראָב פֿון מײַן געלעגער און אָנגעטהון זיך געשווינד.

איך האָב מיך געוואשען און בין אַרויס אין דרויסען.

אַ שטיל, רוהיג מערקל, אויף וועלכען דער שבת־קודש האָט גערוהט, נור בײַ איין הײַזעל פֿאַר דער טהיר האָט אַ גוי'ע מיט צולאָזטע האָהר און אין בלויזען היימיש־לײַווענטענעם העמד, נור וואָס זי איז געגאַנגען אין אַ ספּאָדניצע אָנגעטהון און באָרוועס־אַרויסגעשטעלט אונטער דער וואַנד אַ שאַף מיט קלײַהען, פֿער־מישט מיט וואַרים וואַסער, וואָס איז געגאַנגען אַ פּאַרע דערפֿון, און די חזירים אַרום קריטשען און גראָבען מיט די שנאָבלען אין דעם שאַף אַרײַן, אַזש די רוקענס רודערן זיך פֿאַר אונגעדולדיגקײַט. אין מיטען מאַרק שטעהט אַ שײַנעצ'ל און גיט אַכטונג אויף אַ סטאַ־דע ווײַסע גענזלעך, וואָס געהען זיך דאָרט אַרום, איבערוואַקלענדיג פֿון איין פֿיסעל אויפֿ'ן אַנדערן מיט אויסגעצויגענע דזשאָבעס צו דער ערד און לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלזער, אַז די רוקענס צווישען די פֿליגלען בײַ זיי פֿאַלען אַרײַן. און זיי שטשיפּען די גרעזלעך. איך האָב מיך געפֿיהלט אויסגעשלאָפֿען, רוהיג, און ווי אַ שטיקעל בן־מלך אַנטקעגען דעם שײַנעצ'ל, וואָס חאָטש איך בין טאַקע פֿערוואָרפֿען געוואָרען אין דעם קלײַנעם שטעדטיל אַרײַן אויף אַ שבה, אָבער די פּויערשע קלײַדער וועל איך דאָך נישט אָנטהון און געהן פּאַשען גענזלעך, אָט ווי ער... און מיך האָט עס אינערליך זעהר שטאַרק געפֿרעהט, וואָס איך האָב אַ טאַטען אין אַ גרויסער שטאָדט, וואָס ער האָט אַנ'אײַגענע װאַרשטאַט, אַרבײַט אַליין מיט געזעלען — און איך בין זײַנער אַ זוהן...

איך בין אוועק הינטער'ן הײַזעל צום גאָרטען און האָב מיך דאָרט פֿערקוקט צווישען די בלעטער. אַ הוהן איז געלעגען אונטער'ן זײַדעם פֿענסטער'ל, און מיט צופּלאָשעטע פֿליגעל זיך געגריבעלט אין זאַמד, געוואַרימט געגען דער זון, און איך בין געשטאַנען און געקוקט,

ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען און געקוקט – ווייס איך נישט. ביז די באָבע איז אַרויסגעקומען, מיך אַריינגערופען אין שטוב, וואו דער זיידע איז שוין געווען און געמאַכט זיך גרייט מיט דעם טלית צו גיין דאַוונען. זיינע פאות זענען שוין געווען פון מקוה נאַס, און אַ פרישקייט האָט ווייטער געשלאָגען פון זיין געזיכט, אויך דאָס קול איז געווען גאָר אַנדערש פריש, שוין נישט אַזוי וויינערטליך, ווי אין פרייטאָג-צו-נאַכטס, נור אַ קול, וואָס קלינגט ווי אין יום-טוב'דיגע שענע טעג, ווען עס איז ליכטיג און אויפגערוימט אין אַלע ווינקלען שטוב און מען רעדט מיט אַ ביסעל אויפגעלעגנטקייט.

ער האָט מיך גערופען צום דאַוונען, נישט אין בית-המדרש'ל, נור צו אַ מנין אין אַ פּריוואַט-שטוב, וואו דער טיש איז געווען פערדעקט מיט אַ שיין געשטריקט טישטוך פון געלער און רויטער וואָלשקע, מיט קיילעכדיגע דעסענעס און וואו אַ מיידעל מיט געראויטעלטע באַקען און אַ ווייסען האַלז און שוואַרצע אויגען, מיט אַ שוואַרצען קאָפּ האָאָר, הינטען מיט אַ לאַנגען צאָפּ און פאָרענט מיט אַן'אויפגעשטעלטער ברוסט האָט זיך אַרומגעדרעהט און איז באַלד אַוועק אין אַ באַזונדערן ווייבערשען חדר'ל. דאָרט אַהין האָבען זיך צונויפגעקליבען אַלע חסיד'ישערע מענשען פון שטעטדיל צום דאַוונען. און איך מיט נאָך צוויי יינגלעך, דעם פאַרבערם פון יענעם שטעטדיל, זענען מיר אַרויסגעגאַנגען אַביסעל צו שפּאַצירען פאַר דער טהיר. זיי זענען שוין געגאַנגען אין גאַרטעלעך און האָבען שוין געוואוסט אַזוי פיעל מעשיות פון יענעם שטעטדיל. זיי האָבען מיר דערצעהלט פון דעם שיינעץ, וואָס האָט היינט דאָס לאָדונג מיט אונזער שוך-סוחר. ווי ער האָט איינמאָל ביי זיי אין פרייטאָג-צו-נאַכטס אַרויסגעשטעלט אַ פענסטער און אַראָבגעצויגען די זילבערנע לייכטער פון טיש, די מאַמעס ציהרונג פון הינטער'ן קישען צוקאָפּענס, דאָס טשאָלענט-ברעטעל פון באַק-אויווען אַוועקגענומען און אויפגעגעסען אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, און איז צוריק אַרויס-

געגאַנגען דורך דעם פענסטער. קיינער האָט נישט געהערט, קיינער האָט נישט געזעהן.

און דער שייגעץ איז ביי מיר אויסגעקומען שטאַרק און הויך פונקט ווי שמשון הגבור, וועלכער האָט ביי-נאַכט די ריגלען מיט די טויערן אַרויסגעבראָכען פון דעם מויער, וואָס איז געווען אַרום דעם שטעדטיל, און שטילינקערהייט, קיינער האָט נישט געזעהן, קיינער האָט נישט געהערט, האָט ער זיך זיי אויף אַנ׳אַקסעל אַרויפגעלעגט און אַרויפגעגאַנגען מיט זיי אויף אַ באַרג, אַוועקגעלעגט זיי און געגאַנגען צו אַ שיקסע אין שטיבעל אַריין שלאָפען אויף אַ גאַנצע נאַכט, ווי דאָ וואָלט גאָרנישט געשעהן, ווי קיינער וואָלט דאָ גאָרנישט געטהון.

— ווי גרויס איז דער שייגעץ?... — האָב איך מיך די יינגלעך געפרעגט. און זיי האָבען מיר אָבגעמשל׳ט, ווי גרויס און ווי שטאַרק ער איז, אַז מיר האָבען זיך אַוש האָהר און נעגעל אויפגעשטעלט. און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי דער שייגעץ געהט דאָ אַרום שפעט ביי-נאַכט איינער אַליין איבער די געסלעך און דעם מאַרק, ווי פון יעדען טריט, וואָס ער שטעלט, זינקט די ערד אונטער איהם, ווי די הייזלעך זענען קליין, די דעכלעך נידעריג און מיט׳ן פנים קאָן ער דורך דער אויבערשטער שפאַרע פון אַ לאָדען אין אַ שטיבעל אַריינקוקען — און אַלץ, וואָס ער וויל, קאָן ער טהון, קיינער קאָן איהם גאָרנישט וועהרען. דער מאַרק איז ליידיג, פוסט, און די פעלדער הינטער׳ן שטעדטיל, וואו מען שטעלט נאָר אַ טריט פון מאַרק אַרויס, זענען נאָך גרעסער און נאָך ווייטער, וואו עס הויבען זיך ערשט אָן די רעכטע געדיכטע וועלדער...

און די יינגלעך האָבען מיר נאָך דערצעהלט:

דאָ אין די מאַרק-געוועלבען איז אין דער מיט מויער אַ ליי-דינער הויף — האָבען דאָרטען איינמאָל גענעכטיגט די „פאָסטטאַנצעס” און דער פריץ פון דעם שטעדטיל האָט פאַר זיי אַ גרויסע

סעודה געמאַכט אין דער=נאַכט, מען האָט געלעגט עטליכע אָקסען, אַרויסגעשטעלט פֿעסער בראַנפֿען, עס האָבען געברענט שטורקאַצען פֿון סמאָלע אויף אַריינגעזעצטע שטעקענס אין דער ערד, און דער עולם האָט געטרונקען און געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט מיט פֿער'שכּור'טע פּנים'ער, ביז זיי זענען געבליבען ליגען אַרום די פֿעסער איינגעשלאָפֿען אין דער מיט מויער הינטער'ן בלויזען הימעל.

און ווי עס איז געקומען בעגינען — האָט מען געגעבען אַ געשריי: קאָזאַקען געהען! און דאָ איז שוין געווען אַ גערייטערייַ פֿון קאָזאַקלעך און אַ געשיסערייַ אויף אַלע גאַסען; די קאָזאַקלעך זענען געפֿלויגען, ווי אין דער לופֿטען, אויף די פֿערדלעך צו די „פּאָוסטאַנצעס". האָט איינער געכאַפּט דאָס היטעל, אַ צווייטער אַ שטיוועל און דער דריטער די הויזען אין דער האַנד אַריין און זענען אַנטלאָפֿען איבער'ן פֿעלד, און די קאָזאַקען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און אויסגעלעגט זיי גאַנצע שורות, גאַנצע קופּעסווייַז...

— און וויסט פֿאַרוואָס? — האָבען זיי מיך אָבגעשטעלט — ווייל זיי האָבען יידען געטשעפּעט... און איינעם, ר' לייבעלען האָבען זיי געשמיסען...

יאָ, יאָ... — האָבען זיי מיר ביידע צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, און אויסגעשטעלט צו מיר אַזעלכע אויגען, ווי עס איז שוין נאָרנישט מעגליך אַנדערש צו גלויבען.

עס איז שוין געווען דער זייגער צוועלף. אין טייל ערטער האָט מען שוין געהאַט אָבגעגעסען און אין טייל האָט מען ערשט געהאַלטען אין מיטען עסען, די זון איז געשטאַנען אין מיטען הימעל און האָט אַראָבגעקוקט אין דעם ליידיג, גרויסען מאַרק אַריין, נאָר פֿאַר דעם „סאָנד" האָבען זיך שוין געשטעלט אויף די שפּיץ נעגעל אַ קופּקעלע מענשען אין שוואַרצע קאַפּאָטקעס, צוגעשפּאַרט צום פּלייטעל מיט אויפֿגעהויבענע פּנים'ער אין די אָפֿענע פֿענסטער אַריין. עס איז געוואָרען שטיל אַרום און אַרום, פֿון אינעווייניג האָט

זיך געפֿיהלט אַ געשטיקטקייט פֿון אײַנגעהאַלטענע אָטעמס — און שטיל, קוים וואָס דאָס קול האָט זיך דורכגעשלאָגען, האָט מען געהערט פֿון צײַט צו צײַט געצעהלטע ווערטער פֿון אַנ'אונפֿערשטענדליכעל גוי'אישער שפּראַך. באַלד איז ווי אַ שאַרפֿער בליץ אַ דורכגעגאַנגען איבער אַלעמענס פּנים'ער:

— וואָס?

דער עולם האָט זיך ווי אַ שטומען בעוועג געטהון. און פֿון אינווייניג האָט שוין אַ שטימעלע אַרויסגעשריען:

— אָנדערטהאַלבען יאָהר... אָנדערטהאַלבען יאָהר... — איז געוואָרען אַ שושקערײַ צווישען עולם, און אין פֿענסטער האָט זיך דער שוך־סוחר בעוויזען מיט זײַן בלאַס געשטאַלט, און צופֿענדיג זיך בײַ איין האָהר פֿון דער שפּיץ באָרד האָט ער אויך אַזוי בלאַס און צורודערט אַרויסגעשמײַכעלט צום עולם.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פֿון קייטען, און דעם שײַנעץ'ס געשטאַלט האָט זיך בעוויזען פֿון דער טהיר אַרויס מיט אַ פֿײַערדיגען פֿונקעל אין זײַנע שוואַרצע אויגען, דאָס ער האָט געגעבן אַ הויב־אויף איבער דעם עולם'ס קעפּ. דער עולם האָט זיך נעגעבען אַרוק אָב פֿון וועג און מען האָט איהם געלאָזט דורכגעהן מיט די צוויי סטראַזשניקעס, וואָס זענען איהם נאָכגעגאַנגען בײַ די זײַטען מיט די בלאַנקע שווערדען.

די קייטען האָבען זיך נאָכגעשלעפּט בײַ זײַנע פֿיס און געקלונגען אָן דער ערד. און דער גאַנצער עולם און נאָך זיי דאָס גאַנצע שטעדטיל, ווײַבער, מיידלעך און קינדער זענען נאָכגעלאָפֿען איהם פֿון הינטען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פֿאָראויס רוקט זיך עפּעס אַ גאַנצער באַרג, וואָס קיינער קאָן איהם נישט בײַקומען, און הינטען לויפֿען איהם נאָך אַלע מיט אַ בעהאַלטענער מורא בײַ די זײַטען אָנצוקוקען איהם...

באַלד זענען אַלע פֿערשוואונדען און דער מאַרק איז געבליבען שטעהן ליידיג, נור וואָס די איינציגע זון האָט ווידער ווי פֿרי־

הער שארף אראבגעקוקט איבער איהם, און עס איז געווען צוריק שטיל ווי אויף א בית-עולם.

פאר-נאכט, ווען די זון איז רויט אונטערגעגאנגען און א רויטע שיין פון הימעל האט זיך צוגאסען אויף דער וואנד פון „קאסטיאל״—האבען זיך די גלאקען אונטער דעם אויבערשטען אבדעכיל, וואס שטעהט מיט אפענע פענסטער אין דער וויטער וועלט אריין, צעשאקעלט מיט א געקלאנגעריי און די גאנצע לופט אנגעפילט מיט א שרעקענדיגער אימה. די הייזלעך זענען געבליבען שטעהן, ווי צונויפגעטוליעט און ארויפגעקוקט מיט א שטילער וויינענדיגקייט צום הימעל.

עס האט זיך געדאכט, אז וועלף זענען געקומען אנצושווימען אין דער לופט איבער דאס שטעדטיל, די געוואיערייען און ברומערייען זענען אין דער לופט ארומגעקראכען, א שווארצע אימה האט דאס שטעדטיל איינגעהילט און עס האט זיך געדאכט, אז עס וועט אויסגעהן אין טויט-שרעק.

די נאכט האט זיך אנגעהויבען אראבצולעגען איבער דעם שטעדטיל און מיר איז בענגליך געווארען אויפ׳ן הארץ. אין וועלכען ווינקעל איך האב מיך אומגעקוקט, זענען שוין אלץ געלעגען די שאטענס פון דער נאכט און מיך האט עס געצויגען צוריק צו מיין היים אין מיין שטעדטיל אריין.

דער שיינעץ פון ביי-טאג האט מיר אנגעהויבען באנג צו טהון, ווי אזוי ער זיצט ערשט איינער אליין הינטער די גראטען פון פענסטער׳ל, ווי דארט אין שטיבעל איז שוין נוט פינסטער—און מיר האט זיך געדאכט, אז א גרויסע עולה איז אבגעטהון געווארען, און אז דער שיינעץ ליגט דארט ערשט פערטהון אין שרעקליכע געדאנקען וועגען דעם שטעדטיל.

די לבנה האט שוין געשיינט, ווען די באבע האט דעם ווידען אראפגערופען פון מיטען מארק פון צווישען א קופקעלע יידען ארוים, וואס זענען געשטאנען מיט אויפגעהויבענע פנים׳ער און געזאגט און

געריבען זיך די הענד, צו־שאָקלענדיג זיך קעגען דער לבנה.

און ווען דער זיידע איז צוגעקומען, האָב איך מיך שטיל געזעגענט מיט איהם. ער האָט מיר געדריקט די האַנד און אָנגעוואונשען מיר, איך זאָל פאָהרען געזונטערהייד, איך זאָל קומען אַהיים בשלום און איך זאָל בעגערען צו לערנען. די באָבע ווייטער האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנד, צוגעפיהרט מיך צו דער פוהר, וואָס איז שוין געשטאַנען געשפּאַנט ביי דער זייט טויער פון די מאַרק־געוועלבען, און האָט מיך אויפגעזעצט אויף איהר, הייסענדיג מיך לאָזען גריסען די מאַמען מיט דעם טאַטען.

איך האָב איהר אויף אַלץ צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און ענדליך איז זי געבליבען אַליין שטיין אין מאַרק. נאָר פון דערווייטענס, ווען די פוהר איז שוין געהאַט אָבגעפאָהרען אַ שטיקעל פון אָרט, וואָב איך געזעהן, ווי זי קעהרט זיך אום צוריק אין איהר שטיבעל אַריין, נעביך שוין אַן אַלטיטשקע מענש געווען.

איך האָב איר שטילישקערהייט ביי מיר אין האַרץ צוגעוואונשען אַ „גוטע נאַכט“.

און איך ווייס נישט פאַרוואָס; ווען מיר זענען שוין געווען אין עק שטעדטיל און איך האָב ווייטער דערזעהן דאָס לעצטע שטיבעלע מיט דעם פענסטער'ל מיט די גראַטען, הינטער וועלכע דער שייגעץ איז שוין היינט געזעסען,—האָב איך איהם אויך נעגעוואונשען אַ „גוטע נאַכט“ שטילערהייד, קוקענדיג דערויף, און אַ שטאַרקע בענקשאַפט האָט מיך אָנגענומען צו דעם שייגעץ, איהם חאָטש נאָך איין מאָל צו זעהן, ווי אַזוי זעהט ער ערשט אויס און וואָס פאַר אַ סוד ליגט ערשט אין זיינע אויגען?

מיר זענען געפאָהרען אויף דעם בעלויכטענעם וועג פון דער לבנה־שיין אַ גאַנצע נאַכט, און טעגעניש זענען מיר אַריינגעקומען אין אונזער שטאָדט, אין אונזער היים. די געסלעך זענען נאָך געשטאַנען רוהיג, מען האָט קיין לעבעדיגען שאָרך נישט געהערט, די לאָדענס פערמאַכט. נעת איך בין אַריינגעקומען צו אונז אין

שטוב, איז געווען גוט פינסטער דאָרט, ווײַל אַלע זענען נאָך גע־שלאָפֿען—און איך בין אויך באַלד אַנטשלאָפֿען געוואָרען בײַם טאַטען אין בעט.

אין דער־פֿריה האָט שוין די מאַמע איבער מיר געוואַלט, און ווען איך בין נאָר פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען, האָט זי אָבגע־נומען פֿון מיר רעכענונג:

—נו, וואָס מאַכט דאָרט די באָבע און דער זיידע?

איך האָב געענטפֿערט.

—און פֿאַרוואָס שרייבט גאָרנישט די מוהמע ביילע?

איך האָב אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס און געשוויגען.

—און דאָס פֿאַטשיילעכיל פֿון די הערינג, וואו האָסט דו?

איך האָב ווײַטער געשוויגען.

—גלויב מיר, אַז דו האָסט עס גאָר פֿערגעסען באַלד פֿון דער פֿוהר אַראָבצונעהמען?

איך האָב נאָך טיעפֿער געשוויגען, ווײַל אַזוי טאַקי איז עס געשעהן, און די מאַמע האָט אַ שאָקעל געטהון אויף מיר מיט'ן קאָפּ:

—ביזט אַ שענער לײַט... וואָס קלערסט דו, מען קאָן מיט דיר אַ סך פֿערדינען...

אַ חוב!

אחוב.

שפּעט בײַ נאַכט, דאָס בית המדרש איז לעער. צווישען אויווען און די וואַנד פון די ווײַבער'ישער שוהל קרעכצט עמיצער. דאָרט שטעהען צוויי בענק צוגערוקט צום אויווען, און אויף זײ, אונטערגעבעט אַ פּאָר אַלטע חאַלאַטלעך, ליעגט אַ יוד, אַיין אַלטער מיט אַ גרוי האַלב אויסגעקראָכען בערד'ל. דער גוף — אַיין אײנגעטרוקענטער שאַרבען צום אַיינברעכען זיך. און דאָס פּנים — געל, דיקלעך, נאָר אַביסעל גלאַנצענדיג... און די אויגען פון אונטער'ן אײנגעפּאַסטען שטערן אין קאַפּעל בלאָנדזיען מיעד איבער'ן שטילען בית המדרש. דער אומרוהע פון וואַנד-זייגער וויעגט זיך שטיל, טיק-טאַק, טיק-טאַק. פינסטער הענגען די לאָמפּען איבער די לאַנגע שורות טישען, נאָר אונטער'ן בלעמער ברענט טונקעל אַ לאָמפּ, בענגליך קו-קענדיג צום בלישצענדיגען נר-תמיד, וואָס וואַרפט אַ בלוילעך מאַט'ן שײַן אויפ'ן בעליק פאַר'ן אָרון קודש. אויף דעם עמוד ברענט אַ יאָהרצײַט-ליכט און דאָס פלעמעל ציטערט צו איבער דער טיעף אײנגעברענטער שנויץ. זעלטען טהוט עס זיך אַ ציה אין דער הויך שמאָל אויסגעצויגען און בלײַבט אַ רגע גלײַך, ווי ווילענדיג אַריבער-קוקען, וואָס טהוט זיך אין יענער זײַט בלעמער...

פון דרויסען הערט זיך טריט גענעהנען צו דער טהיר און באַלד הערט זיך אַ רודער'ן בײַ דער קלאַמקע. די טהיר עפענט זיך און עמיצער קומט אַרײַן. די טונקעלע פיגורע מיט'ן שטיקעל אַרויסגעזעהענעם פּנים רוקט זיך צום אויווען מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט. אַ יוד אין אַ גראָבער בורקע. ער לעגט אום דעם קאַפּטער פון קאָפּ און לעהנט זיך אָן אויף דער באַנק פאַר'ן אויווען, אונטערגעשפּאַרט דעם עלענבויגען אונטער'ן לענגליכען פּנים און שפּיציג בערד'ל.

ליעגענדיג הערט ער די קרעכצען און ער פרעגט מיט אַ גראָב קול:

— ר' מאָטקע! וואָס איז אײַך?

יענער קרעכצט ווײַטער אָהן ענטפער.

דער יוד הויבט אויף דעם קאָפּ, און זיצענדיג אויף דער באַנק בויגט ער זיך אָן צום ווינקעל אויווען, קוקט אַרונטער און פרעגט נאָך אַמאָל:

— ר' מאָטקע, וואָס איז אײַך?

— ווער איז? — פרעגט דער אַלטער שוואַך.

— איך, ישראל!

— אַה, ישראל — — עה גאָר נישט...

— וואָס דען קרעכצט איהר?

— וואָס פרעגסט דו, קינד, נישט גוט איז אַליין... אפילו שטאַרבען...

— וואָס, ס'אי הײַנט ערגער?...

— ערגער, בעסער... אַלץ איינס... אַלץ איינס שוין.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס — אַליין... וואָס עפּיס הײַנט? און אַלע נאַכט ווי אַזוי? נישט אַליין?!

— מילא, אַלע נאַכט, טאַקי אויך דאָס אייגענע...

ישראל שווײַגט. „אפשר דאַרף מען טאַקי וועמען?" פאַלט איהם אײַן; „אפשר אַ חברה־מאַן?..." און באַלד געהט ער צו צום ערשטען טיש נעמט אַראָב דעם ברענענדיגען לאָמפּ און קומט צוריק צווישען אויוועז אַרײַן.

דער אַלטער קוקט פערוואונדערט:

— וואָס טהוסט דו, ישראל?...

— גאָר נישט... אַ קוק טהון צי ליעגט איהר גוט...

— שטעל אַוועק, ישראל... עס האַלט נאָך נישט דערבײַ...

— ווער זאָגט, חלילה! אַדרבה, איהר זאָגט — אַליין, אַליין... נעהם איך דעם לאָמפּ פאַר הײמליכקײט, גלאַט אַזוי, זיצען אַביסעל, שמועסען פאַר הײמליכקײט...

— נו, נו... שטעל צוריק דעם לאָמפּ, שמועסען קען מען אַזוי אויך, אָהן לאָמפּ אויך, אַז דו ווילסט.

ישראל געהט צוריק מיט'ן לאָמפּ אין דער האַנד, העננט איהם אַרײַן איבער'ן טיש און קעהרט זיך צוריק אום צום אויוועז און זעצט זיך אויף זײַן אָרט.

— ישראל! רופט ר' מאָטקע.

— וואָס אי?

— ווי שפּעט קען שוין זײַן אַצונד?

— אַצונד? באַלד... אויף דער סטרוזשע בין איך אַרויסגעגאַנגען — האַלב צוועלף, איז שוין אַזוי גרוים ׳ אַ שעה צוויי... יאָ...

— וואָס טויג דיר דאָרט, ישראל... — רײַסט איהם ר' מאָטקע איבער — געה צו צום זייגער...

— אַ נפקא מינה... — רעדט ישראל שוין צו זיך, אויפשטעהענדיג פון אָרט. ער געהט צו צום זייגער, קוקט זיך אײַן, צעהלט אַ ווײַלע די גראָבע שטריכען אַרום ווײַזער און געהט צוריק צום אויוועז.

— נאָך צוויי שוין... — גיעט ער ר' מאָטקען צו וויסען.

— נאָך אַלץ נישט טאָג...

— אַוודאי נישט, פורים־צײַט... הײַנט ווערט טאָג זעקסע — ימים־

טובים־צייט אויך אזוי...

— נו, עפּיס גוט אזא לעבען, ישראל, נאכט ביי נאכט אויסצוקוקען דעם טאג?...

— מילא...— טהוט ישראל א ציה די פּלייצעס, און פערדרוקט זיך אויף דער באנק אין דער אנדערער זייט אוּיווען.

א ווײַלע איז שטיל. פּלוצים וועקט ר׳ מאטקע ווײַטער:

— ישראל, ישראל!

— וואס איז?

— זײַ־זשע מוחל, קום נאר אהער.

ישראל שטעהט אויף פון דער באנק און שטעלט זיך אין עק צווישען אויווען.

— זאג מיר, ישראל, נאך א סך ברויט וועל איך קאליע מאכען?...

ישראל טהוט ווייטער א ציה די פּלייצעס, טראכט א ווײַלע און ענטפערט:

— עה, ר׳ מאטקע, א מענש טאר נישט זינדיגען, טאר זיך נישט איינשפּארען ביי גאט...

— ישראל, איך בעט דיך, דא אין ווינקעל, אין דער ספרים־שאנק, זעה א טעפּעלע, דערלאנג עס מיר.

ישראל מאכט א טריט צו דער שאנק, נעמט ארויס א טעפּעלע און דערלאנגט עס, פרעגענדיג:

— וואס איז עס דא?

— אביסעל בארנע־יויך האט מיר א יודענע געבּרענגט, דאס מויל שמאכט מיר.

ר׳ מאטקע זעצט זיך אויף, נעמט דאס טעפּעלע מיט דער ציטערדיגער דארע האנד, בליקט אריין און טהוט עטליכע שלונג. דערנאך נעמט עס ישראל צוריק און שטעלט עס אוועק אויף דעם פריהערדיגען ארט.

— זעהסט, ישראל, ווי דא יאגט א קעלט? — ווייזט ער איהם אויף די טהיר פון די ווײַבער׳ישער שוהל — דאס האבען די ווײַבער אבגעריסען דעם האק דעם שבת, אריינגעפּאקט זיך צום חתן־בעווארפען...

— מ׳דארף פערשטאפּען... — ענטפערט ישראל.

— מ׳דארף.

— מיט וואס?

— אט וואלגערן זיך בלעטלעך.

— עה... שמות?...

— ווייסט דו וואָס, ישראל? אַ לייבעל אַ צערריסענער ליעגט דאָרט אין ווינקעל צווישען די שמות — נעם פערשטאָפּ...

ישראל געפינט דאָס לייבעל, פערשטאָפּט די טהיר און פרעגט:

— איבערבעט'ן אפשר?...

ניין, ניין, שראל'ישי, אַ שעהנעם דאַנק, קענסט שוין געהן! הונדערט יאָהר זאָלסט דו לעבען.

ישראל געהט צוריק אויף זיין אָרט און שפּאַרט זיך אָן.

אַ ווײַלע איז שטיל. עס הערט זיך דעם זייגערס טיק־טאַק, טיק־טאַק, און ר' מאָטקעס קול וועקט ווײַטער:

— ישראל, ישראל!

— וואָס איז?

— זײַ־זשע מוחל...

ישראל שטעהט אויף, שטעלט זיך צווישען אויווען.

— נו?...

— ישראל, דו האָסט געקענט מענדעל פּתחיה'ס און דוד פּתחיה'ס, זײַנע צוויי זיהן?

— מענדעל פּתחיה'ס און דוד פּתחיה'ס?...

— יאָ.

— אַ שאלה!... גוט געקענט, אַזוי ווי מײַנע צעהן פינגער...

— עפּיס אַ שעהנעם סוף געהאַט?...

— אַיועק געקומען אין דער חלירע, נישט געדאַכט זאָל זײַן, די שעהנסטע מענשען אין שטאָדט.

— זייער פאָטער, ר' פּתחיה, נישט פאַר דײַן געדענקען, אויך אַ שעהנער מענש... דער ראש הקהל געווען.

— איך געדענק איהם נישט.

— און דאָס הויז, בּיסט דו אַ מבין, אַ תל ס'איז?...

— הויבּט זיך אָן, בּײַ גאָט איז עפּיס אַ גרויס עסק?...

— אַיי, וואָס ווייסט דו!... ווען איך בּין צוריק געקומען און כ'האָבּ עס דערזעהן, האָבּ איך מײַנע אויגען נישט געגלויבּט... ר' פּתחיה'ס הויז! איך געדענק אפילו, ווען מ'האָט דעם ערשטען שטיין געלעגט אויף אַ פונדאַמענט... ס'איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָהר פופציג, אויבּ נישט העכער — האָסט דאָך אַ סימן, נאָך איידער איך בּין אַוועק פון היע —— ווי אַלט, ישראל, בּיסט דו דען אין גאַנצען, אַ יאָהר זעקס און דרײַסיג?

— אַכט און דרײַסיג.

— און איך געדענק עס, ווי היינט. אַ נאַרישקייט, אפילו די קאַרפּינקע, אַ געפּינגערטע קאַרפּינקע... ר׳ פתחיה אין די שיך און זאָקען און אין דער סערושינער שבת׳דיגער יופּיצע האָט געטיילט בראָנפען די בעלי מלאכות וואָס האָבען געבויט. איינער, ר׳ פּיניע, איז געווען דער אַנטעפּרינער, אַ מייסטער אַ קאָפּ־שטיק — — — און דאָס הויז האָט אַזאַ שוואַרצען סוף... דערצעהל מיר, ישׂראל, דערצעהל ווי אַזוי?...

— אַ גאָר־נישט מיט אַ גאָר־נישט — — — איך ווייס נישט מעהר, איך פלעג דאָך שטענדיג געהן אַ סטרושע פון יענעם הויז, ווייס איך נישט מעהר, די ברידער, די שותּפים הייסט עס, פלעגען זיך תּמיד דורס׳ן. מיך נאָכ׳ן גילדען פאַר דער סטרושע פלעגען זיי מיך אָנשיקען איינער צום אַנדערן — זאָל דער צאָהלען, זאָל יענער צאָהלען, דערווייל האָב איך געהאַט ס׳לויפעניש... נאָר דאָס איז נאָך גאָר־נישט מיט גאָר־נישט... דורס׳ן פלעגט מען זיך ערשט איבער׳ן דאָך פערריכטען. קיינער האָט נישט געוואָלט לעגען אַ גילדען, אַ שינדעל, איהר זאָלט עס זאָגען... און אַ הויז, זאָג איך, איז פּונקט ווי אַ בגד, נישט צוגלייכען. כ׳וועל אייך ווייזען, אַ שטייגער מיין רבקה וואָלט מיר נישט געלעגט אַלע מאָל אַ לאַטע אויפ׳ן בגד, פאַלט עס פון מיר אַראָב שטיקער־ווייס... וואָס, נישט? דעריבער איז עס... דאָס איינענע איז דאָ אויך — נישט פאַרריכט, איז נישט! רעגענט, רעגענט, ביז עס פערפוילט צו אַלדע שוואַרץ־יאָהר.

— קאַרגע געווען?

— עט, נאַט אייך אַ גראָשען פאַר׳ן קאַרגשאַפט. עפּיס אַ קלייניגקייט צוויי ברידער אין איין הויז, בפרט נאָך אַ ירושה?... נאָר אַ מערכה, הערט איהר, די שלאַפקייט, וואָס איז געווען מיט זעקס יאָהר צוריק, נישט היט געדאַכט, האָט זי געמאַכט אַ פשרה — דיר אַ בעזונדער הייזעל און דיר אַ בעזונדער הייזעל... נאַט אייך, קינדערלעך, און שאַ... רייסט זיך נישט ביי די קעפּ — — — און די ירושה, די פערפוילטע ירושה, האָט פּאָליציי באַלד געהייסען פערקלאַפּען די פענסטער מיט ברעטער...

ר׳ מאָטקע אָטהעמט לייכט אָב און פרעגט:

— און ר׳ פתחיה׳ן, פון זיין טויט, ווייסט דו גאָר נישט?

— פון וואַנען?

ר׳ מאָטקע פערשווייגט, פערטראַכט זיך אַ ווייַלע און זאָגט:

— אַז דו ווילסט, ישׂראל, וועל איך דיר דערצעהלען, ווער דער ר׳ פתחיה איז געווען פאַר איינער...

— דערצעהלט.

— ווען דיך, ווי־ושע מוחל, דא אין עק...

ישראל זעצט זיך נעבען ר׳ מאטקען און ר׳ מאטקע הויבט אן:

„דער ר׳ פתחיה, די ערד זאל איהם דארט ארויסווארפען, איז געווען א היגער ראש הקהל...

— וואס שעלט איהר?

— ווייס איך שוין, נאר הער בעסער...

„איך בין דעמאלט אלט געווען א יאהר צוועלף. א ברודער האב איך געהאט פון א יאהר אכצעהן, א הויכער מיט א קיילעכדיג בלאסלעך פנים, קורצע פאה׳לעך, אבער א פארשוין — איז געווען אויף עפיס א קוק צו טהון... דער טאטע מיינער איז געווען א שניידער, דער ברודער אויך, ער האט שוין צוגעהאלפען. מיך האט מען נאך געהאלטען אין חדר, די מאמע דער עיקר... מאכט זיך איינמאל אזא מעשה: פלוצלונג ווערט א קאך אין שטעדטעל — מ׳האט מיין ברודער ביי נאכט געחאפט מיט דער דיענסט ר׳ פתחיה׳ס... ס׳איז א פנים אמת געווען, ווארום די דיענסט האט מען געשמועסט, האט באלד ביי נאכט עוקר געווען, זי איז געווען פון א דארף ערגיץ דא... נאר מיין ברודער, וואו וועט ער לויפען, ער איז דאך א היגער? געדענק איך — דער טאטע האט זיך ארום־געדרעהט איבער די שטוב שטארק צורודערט, די מאמע האט געוויינט און דער ברודער איז געזעסען דעם קאפ אראב, דאס פנים שטארק בלאס. פון גאס קומען אלע מאל צו א חברה קליינוואַרג צום פענסטער, פויקען אין די שויבען און שרייען אריין צום ברודער: „ארה׳לע — יענטעלע רופט דיך”... אזוי האט מען זי גערופען, די מויד. מילא, דער ברודער האט זיך נישט אומגעקוקט, נאר מיר האט עס געשטאכען... הויב איך מיך אויף און געה ארויס פון שטוב. נאר וואו געהט מען? ס׳חדר, האב איך געוואוסט, איז היינט נישט פאר מיר... די גאס אויך נישט... וואס דען טהוט מען? הויב איך מיך אויף און געה אריין אין בית המדרש. שוין נאכ׳ן דאווענען איז עס, שפעט ביי טאג, נאר עטליכע מענשען טרעף איך נאך דארט. שטעהען זיי אין דער מזרח וואנד ארום טיש, וואו ר׳ פתחיה זיצט נאך אין טלית מיט דער עטרה אויפ׳ן קאפ. זיצט ער זיך נעבען ארון קודש מיט די פלייצעס צום פענסטער און לעגט אב די תפילין און די, ארום, קוקען איהם אין פרומען פנים אריין, וואס פינטעלט מיט די אויגען. אין דער זייט ווידער, שטעהט הערשקע שמש, דער בית דין שמש, א הויכער יוד מיט א שווארצע בארד און א ברייט פנים מיט אויגען שווארצע און אריבערגעוואקסענע ברעמען — א פחד. שטעהט ער אנגעשפארט מיט׳ן

עֶלְעָנבּוֹיגֶען אָן עמוּד און דאָס אויעֶר בּוֹיגט עֶר אַזוֹי אָן, ווִי עֶר ווִיל אויך חאַפּען עֶפּ‎ִיס אַ וואָרט... אַז איך זעה אַזוֹי... חאַפּ איך מיך צוּ אין דעֶר אַנדעֶרעֶר זַיט טִישׁ און שטעֶה אויך — פּטוּר... אַ יונגעֶל דאָרט, די הויזלעֶך צוּריסעֶנעֶ מיט די קַיַע אין דרויסעֶן און אַ היטעֶ'ל מיט אַ צוּשׁפּאָל־טעֶנעֶם דאַשִׁיק — פּטוּר, שטעֶה איך... און דעֶרווַייל הער איך ר׳ פּתחיה שמוּעֶסט:

— ווען האָט מען אַזוינ׳ס געֶהעֶרט אין אַזאַ יוּדִישׁ שטעֶדטעֶל? — און טהוט אַ קרעֶכץ — אַוודאי וואָלט זיך שוין גאָט געֶמעֶגט מרחם זַיין איבּעֶר יודעֶן...

— טאַקי נִישׁט געֶהעֶרט געֶוואָרעֶן — האַלט אונטעֶר העֶרשקעֶ — מילא, איך בִּין דאָך שוין שמש נִישׁט פוּן הַייַנט, דאַכט זיך, אַזאַ מעשה האָבּ איך נאָך נִישׁט געֶהאַט...

— זעה־זשעֶ, העֶרשקעֶ — טענה׳ט ווַייטעֶר ר׳ פּתחיה — דעֶם יונג, דעֶם שנַיידעֶר, דעֶם פּושע, צוּ בּרעֶנגעֶן אין דעֶר בּית־דין שטוּבּ...

— אַוודאי, אַוודאי — רוּפעֶן זיך אַלעֶ גלַייך אָן — מ׳טאָר אַזוינס נִישׁט דעֶרלאָזעֶן.

— איך בִּין תמיד גרַייט — עֶנטפעֶרט העֶרשקעֶ בּרַייט — וואָס קהל הַייסט, בִּין איך גרַייט צוּ פאָלגעֶן, בּפרט נאָך, אַז איהר הַייסט אויך...

— נִישׁט איך הַייס אַייך — מאַכט ר׳ פּתחיה — נאָר גאַנץ קהל הַייסט... און געֶה, העֶרשקעֶ, שוין, זוּים נִישׁט, וואָרוּם איך ווִעל בּאַלד זַיין אין דעֶר בּית־דין שטוּבּ.

— איהר געֶהט דעֶן נִישׁט אַהַיים פריהעֶר?

— יאָ, אָבּעֶר נאָר דעֶם טלית אַוועֶקלעֶגעֶן... כ׳האָבּ נעֶכטעֶן ב״ה אויך געֶפּאַסט... אַ בּוררות געֶזעֶסעֶן...

העֶרשקעֶ האָט אַ קוּק געֶטהוּן אויף דר׳עֶרד פאַר׳ן עמוּד, אויפגעֶהויבּעֶן זַיין ים־שטאָק און געֶהט צוּ די טהיר.

אַז איך העֶר אַזאַ מעשה, שפּרינג איך אַרוים פוּן בּית המדרש, חאַפּ אַ שטַיין און לויף צוּ אונטעֶר יעֶנעֶם פעֶנסטעֶר וואו ר׳ פּתחיה זיצט — אַ קנאַק אַרַיין דוּרך די שוֹיבּ, בּאַלד די געֶהערן אַרויסצולאָזעֶן... איך קוּק מיך גאָר נִישׁט אוּם און צַייט אַיין מינוּט בִּין איך שוין אין דעֶר הַיים, נאָך אַיידעֶר העֶרשקעֶ ריהרט זיך מיט׳ן שטאָק...

צוּקאָכט בִּין איך, רעֶד איך נִישׁט אַ וואָרט, דעֶרצעֶהל גאָר נִישׁט, נאָר חאַפּ דאָס אַייזעֶרנעֶ שטוּיסעֶל פוּן אונזעֶר מעֶרזשעֶר און שטעֶל מיך בַּיי די טהיר — לאָ׳מיך זעֶהן, ווער עֶס ווִעט די טהיר עֶפעֶנעֶן!... נאָר דעֶר

טאַטע מיט'ן ברודער טהוען צו מיר אַ לויף צו: „וואָס טהוסט דו, וואָס טהוסט דו!"... רײַסען מיך אַוועק, די מאַמע אויך... איך שרײַ: הערשקע שמש געהט... און זײַ גאָר נישט... נעמען מיר צו דאָס שטויסעל און שוין, „לאָ'מיר נאָר הערען, זאָגט דער טאַטע, נאָך וואָס ער קומט, זאָל ער נאָר אַרײַן־קומען" — — —

אין דעם עפענט זיך די טהיר — ברוך הבא, — הערשקע מיט'ן ים שטאָק. טהוט ער אַ ציה אַרויף די ברעמען, אַ קוק אויפ'ן טאַטען ווי מיט אַ שפּיז.. און טהוט אַ זאָג: „מלך, דער רב איז אויף דיר גוזר, דו זאָלסט ברענגען דעם זוהן דײַנעם אין דער בית־דין שטוב!" אָבגעזאָגט, טהוט ער אַ קלאַפּ צו מיט די טהיר, ער איז שוין נישט דאָ...

דער טאַטע רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ, די מאַמע וויינט, חלש'ט, פּערפּאַלען... און דער ברודער זאָגט, ער געהט נישט.

דער שמש קומט נאָך אַ מאָל, נאָך אַ מאָל, מתרה געווען, דער ברודער הערט נישט. קומט ער, הערשקע, מיט צוויי טרעגער און מ'נעמט איהם מיט געוואַלד דעם ברודער.

אין שטוב איז געוואָרען יום כפור, אין דרויסען — אַ געלויף... מ'פּערהאַקט געוועלבען און מ'לויפט... איך אויך, מיט אַ געוויין לויף איך נאָך דעם ברודער ביז צום רב'ס שטוב. מען האָט מיך נישט אַרײַנגעלאָזט און דאָ בײַ די פּענסטער שטעהט מען קעפּ אויף קעפּ, ווי די בינען אָנגעקלעפּט... בײַ די טהיר אויך דאָס אייגענע.

פּלוצלונג, צורוקט זיך דער עולם, מ'מאַכט אַ וואַרע — ר' פּתחיה קומט אָן... ער לעבט זעה איך... געהט ער אין די שבת'דיגע יופּיצע און אין קאַלפּיק, אַ פּערציײַטישע זאַך... ער און נאָך אַ פּאָר חשובים, זאָל זײַ די ערד אַרויסוואַרפען, געהען זײַ אַרײַן אין דער בית־דין שטוב.

וואָס דאָרט האָט זיך געטהון, ווייס איך נישט. נאָר עס האָט געדויערט אַיין ערך פון אַ שעה, פיהרט מען דעם ברודער אַרויס פון דאָרט גלײַך אין שוהל אַרײַן.

דער גאַנצער עולם איז נאָך, קינד און קייט, אַלץ לויפט אויפ'ן שוואַרצען וואַנדער. אין שוהל האָט מען דעם ברודער אַרויף־געפיהרט אויפ'ן בלעמער און ער האָט געמוזט זיך מתודה זײַן... נאָך וועניג, זעצט מען איהם אַרײַן אין קוניע, — אַזאַ בעזונדער שטיבעל אין פּאָליש — אַ פּערציײַטישע זאַך... איז ער דאָרט אָבגעזעסען אַ מעת־לעת. דער עולם האָט אַרײַן־געשפּיגען דורכ'ן פּענסטערל, און יונגוואַרג, ממזרים, ערב־רב, האָט אַרײַן־געוואָרפען שטיינער און זאַמד — — —

נאָכ'ן מעת־לעת איז דער ברודער אַהײם געקומען, שוואַרץ ווי אַ קויל, די אויגן אײַנגעפֿאַלן — אַ פּחד... נאָר אַ רציחה, זעהט מען נישט אַזוינס. טהוט ער אַ לויף צו צו דער וואַנד, חאַפּט אַראָב די תּפֿילין און צושמעטערט זײ אין אײן אויגענבליק און די רצועות — אויף פֿיץ פּיצעלעך... דער טאַטע און די מאַמע פֿאַלן צו צו איהם — זיהנ'ישי!... טהוט ער זיך אַ ריס אויס און אַרויס פֿון שטוב — —

האָט מען נישט געהערט פֿון איהם אַ פּאָר וואָכען, ביז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז דאָ נישט ווײַט בײַ אַ גלח... גע'שמד'ט זיך... און חתונה געהאַט אין אַ דאָרף. פֿאַר דאָס, בײַ שוהל־קלאַפּען, האָט דער שמש אונזער לאָדען אויסגעמיטען... די טאַטע מאַמע האָבען ס'פּנים נישט אַרויסגעוויזען אויף דער ליכטיגער שײַן, און פֿאַר צער איז דער טאַטע באַלד געשטאָרבען — — —

די מאַמע האָט זיך גענומען טראָגען בעלי־הבתי'שע פּעקלעך גרעט צום טײַך, און איך — חאַפּען אַ בײגעל פֿון די מולטער אַראָב... דער ברודער פֿלעגט טײל מאָל, אין אַ מאַרק טאָג, קומען אין שטאָדט אַרײַן, געשטעלט זיך מיט אַ טישעל חזיר אין מיטען מאַרק... אַז יודען פֿלעגען זיך אָבשטעלען קוקען, האָט ער אַרויסגעבלײזט די צונג... האָט מיך אײנמאָל די מאַמע צוגעשיקט צו איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר און נישט קומען מעהר, האָט ער איהר צוליעב געטהון. און מיר, איך בין געגאַנגען אָבגעריסען, האָט ער געגעבען צוועלף גילדען אויף העמדלעך מיט הויזען — פּאָרט אַ ברודער...

און אײנמאָל זומער בעגינען, קלאַפּט עמיצער אָן אין די טהיר. די מאַמע געהט אַראָב עפֿענען, קומט ער אַרײַן, וויל איהר געבען געלד, וויל זי נישט. געהט ער, טהוט מיך אָן און נעהמט מיך אָן בײַ די האַנד... די מאַמע לאָזט נישט, בעט ער זי, זי זאָל לאָזען מיך געהן ווײַזען איהם דעם טאַטען'ס קבר... בין איך געגאַנגען און געוויזען איהם, איז ער געשטאַנען פֿון ווײַטענס. געדענק איך, און געקוקט שטיל מיט טרעהרען אין די אויגען... דאָס פּנים בלאַס, אין גאַנצען יודיש, נאָר וואָס דער שפּאַנצער מיט'ן היטעל — אַנדעריש... דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען עפּיס אַ גילדען דרײַסיג, שטופּט מיר אַרײַן אין די האַנד, כ'זאָל געבען די מאַמען אויף אַ מצבה... נאָר געשטעלט האָט מען נישט — — מיך האָט ער געקושט און איז אַוועק מיט אײן אונטער־רעג, קײנער זאָל נישט וויסען...

איך בין אַלט געוואָרען אַ יאָהר זיבענצעהן, האָב איך מיך שוין געקענט בעגעהן אָהן בײגעל־חאַפּען. דער היגער פּריץ, ווערזשבינסקי,

האָט נעהאַט אַ פּראָפּינאַציע, אַ האַבּען גילדען דעם טאָפּ בּראָנפען, אַריינפירען פרעמדען האָט מען נישט געטאָרט, דער פּריץ האָט געלאָזט איינזעצען... נאָר ווער האָט געקוקט? בּעלי הבּתּים פלעגען בּרענגען פון דאַנען, פון דאָרט, מ'האָט געבּרענגט. פלעג איך שוין האָבען אַזאַ גענייטען קוק — פון אונטער דר'ערד האָבּ איך דערשנאַפּט... און יענער האָט זיך געמוזט אויסקויפען פאַר אַ וואָס-עס-איז... אַ'נישט, האָבּ איך געזאָגט, גיה איך צום פּריץ... און נאָך איז געווען, היינט זעהט מען עס גאָר נישט, גאָר אַנדערע מענשען, אַפילו הייזער אַנדערע... פערצייטענס, אַ הויז מיט אַ פּאָטשינע, אַ שפּייכלער מיט אַ פּאָטשינע, און אַזוי כסדר... בּעלי-הבּתּים פלעגען זיך צונויפקומען אויף די פּאָטשינע, שמועסען, דערצעהלען מעשיות, ליצנות טרייבּען, אָדער גאָר חשבּונ'ען אויף די טהיר מיט שטיקער ווייסלעהם אין די הענד... ווי זעהט מען גאָר היינט?... אַ בּעל-הבּית האָט געקענט האָבּען אַ שפּייכלער מיט תּבוּאה, אַ בּוידעם מיט ציבּעלעס, אַז ס'האָט זיך אַזש געבּראָכען... פערצייטישע יאָהרען — — יאָ... פלעגען זיין אַזעלכע, וואָס אַ שטייגער, אַ פּאַרובּאָק אין אַ הויף האָט גע'גנבּ'עט אַ קערצעל תּבוּאה, האָבּען זיי עס בּיי איהם צוגענומען פאַר אַ שיבּוש... האָבּ איך שוין דערשמעקט, ווער און וואָס... פלעג אַריין-קומען צו יענעם בּעל-הבּית, על פּי רוב אין שבּת, גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין! — הער נאָר, בּעל-הבּית-לעבּען! אַזוי און אַזוי... איך וויל אויך עפּיס פערדיענען... אַ נישט — — שוין, מ'האָט קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט... און טהייל מאָל פלעגט מען מיט מיר דורך-קומען פאַר אַ שטיק פיש מיט אַ חלה — — —

אַזוי האָבּ איך אָבּגעפיהרט אַ צייט לאַנג, בּיז איך האָבּ מיך דערוואוסט, אַז די שטאָדט וויל מיך אָבּגעבּען פאַר אַ זעלנער — אין מיקאָלייס צייטען — — בּיטער... וואָס טהוט מען? נעכטיגען אין דער היים האָבּ איך שוין מורא, וואַלגער איך מיך אַ נאַכט דאָ, אַ נאַכט דאָרט, נאָר פערהיטען האָבּ איך מיך נישט געקענט. און איינמאָל, איך שלאָף אין דער היים, קלאַפּט מען אָן שפּעט בּיי נאַכט. די מאַמע וויל לויפען עפענען, האַלט איך זי איין אַ קודם, דאָס האַרץ האָט מיר עפּיס געזאָגט... האָבּ איך אויף מיר דאָס אָנטהון און זאָג די מאַמען: אַזוי ווי זי וועט נאָר עפענען די הויז-טהיר, זאָל זי בּאַלד צוריק אַריין אין שטוּבּ, און איך וועל מיך דערווייל שטעלען אונטער די טהיר... אַזוי איז געווען, די חאַפּערס זענען אַריין און איך — אַרויס... אַוועק — — —

צוזאָמענגעקומען איז די מאַמע אַריינגעגאַנגען צו ר' פּתחיה'ן, געוויינט

פאַר׳ן, ער זאָל רחמנות האָבן, האָט ער איהר צוגעזאָגט און פערענטפערט נאָך, זי זאָל זיך נישט שרעקן. גאַנץ גוט און איך נעכטיג שוין ווייטער אין דער היים. פּלוצלונג, תחילת נאַכט, אומגעריכט, גיעט מען אַ בעלעגער דאָס הויז און מ׳חאַפּט מיך אַוועק ווי אַ פויגעלע... אונטער די שטאָדט איז געווען די קאָזע, זעצט מען מיך אַיין — זיץ!..

ביי נאַכט חלומ׳ט מיך אַ חלום, און קיינמאָל האָב איך איהם נישט געקענט פערגעסן... מיר דאַכט זיך, אַז איך צינד־אונטער ר׳ פּתחיה׳ס הויז און איך זעה ווי עס פלאַקערט און פלאַקערט... אין דעם, איך וויל שוין ענטלויפן, חאַפּט מען מיך און מ׳זעצט מיך אַיין אין די קאָזע — וואָס אַ חלום איז!...

בעגינען, איך מאַך אויף די אויגען, קוק מיך אַרום — אמת... שטעל איך מיך אויף צום פענסטער׳ל און קוק אַרויס דורך די גראַטען. פאַר די טהיר ליגט דער סטרוזש, אַ גוי אין אַ גראָבען סוקמאַן, און שלאָפט ווי געהרגה׳ט. שריי איך אַרויס צו׳ן איהם, ביז ער חאַפּט זיך אויף. פרעג איך: — ביי וועמען האָט געברענט די נאַכט?... ער רייבט זיך די אויגען און זאָגט: ער ווייסט נישט, ס׳האָט נישט געברענט אין ערגיץ... פערשטעה איך דאָך שוין, אַז ס׳איז אַ חלום און מיר ווערט ביטער אויפ׳ן הארץ פון דער קלאָרער תשובה... איך געדענק שוין אַלץ, אַ־ץ... און וואַרף מיך אויף דר׳ערד מיט אַ געוויין — איין גאָט מאַכ׳ האָט מיר געמעגט ענטפערן... געוויינט פאַר כעס, וואָס איך האָב מיך אַזוי מאוס אָבגענאַרט.. נאָר פערפאַלען — —

ביי טאָג האָב איך געהאַט ס׳גאַנצע שטעדטעל ביי׳ן פענסטער׳ל... זיי האָבען דערלעבט...

פאַר נאַכט בעט איך דעם סטרוזש, ער זאָל מיר שאַפען אַ פרישען טרונק וואַסער. איך בין קראַנק, זאָג איך איהם, נאָר ער וויל נישט, האָב איך געהאַט אַ פּאָר גראָשען, גיעב איך איהם אַוועק און בעט איהם נאָך אַ מאָל. געהט ער אַריין צו אַ שכן אַ גוי און ברענגט אַרויס אַ קיבעל. אַ ברונעלע איז דאָרט געווען אַ קליינס, ס׳איז שוין היינט פערשיט, די קאָזע האָב איך געזעהן. איז שוין אויך אַ קופּע צובראָכענע ציגעל... נעמט ער, דער סטרוזש, שעפּט אָן אַ קיבעל וואַסער, ברענגט מיר צו צו די קראַטען, קען נישט אַריין... געהט ער אַריין־דערלאַנגען דורך די טהיר. ווי ער שליסט אויף, אַ געזונדטער יונג בין איך געווען, קריגט ער פון מיר אַ קנאַק, דרעהט ער זיך איבער און איך בין אַרויס... און גלייך צום ברודער אויפ׳ן דאָרף — — —

איך בין אהין געקומען א שטיק אין דער נאכט — — „ברודער ראטעוועט מיך!" דערצעהל איך איהם די גאנצע מעשה. ער ווערט אנגעצונדען פאר כעס און די טרעהרען שטעלען זיך איהם אין די אויגען... דאס ווייב, א יונגע שיקסע נאך, האט געוויינט, קוקענדיג אויף מיר, און געשאלטען יודען מיט טויטע קללות... גאט זאל עס מיר מוחל זיין.

דער ברודער איז ארויס פערמאכען דעם לאדען, קיינער זאל מיך נישט זעהן... דאס ווייב האט מיר דערווייל געגעבען עסען און טרינקען. דערנאך האט זי געלעגט שלאפען די קינדער, צוויי שרצים'לעך שוין געהאט, און דער ברודער האט מיך ארויף-געפיהרט אויפ'ן בוידעם, א פולער בוידעם היי, און געלעגט זיך שלאפען מיט מיר צוזאמען...

בעגינען אין דרויסען האט געבלאהט, וועקט מיך דער ברודער. איך שטעה אויף. געהען מיר אראב, דאס ווייב איז שוין אויף. ביים קוימען שטעהט זי אין א האלב קליידעל, די פויער'ישע מיט די בלאהע און רויטע פאסקעלעך... א רויט קאפטאנדל א לייכטס, די ציצען אזש שטארען אב... און דאס פנים רויטעלט זיך און די אויגען בלישצען קעגען פלאקערדיגען פייער, וואו זי שוימט אב פון א טעפעל. דערזעהט זי מיך: דזשען דאברי, שוואגזשע, ווערט זי פרעהליך און דערלאנגט מיר באלד א טעפעל קאכענדיגע מילך מיט ברויט. וואש איך מיך אב און נעם עסען.

דער ברודער איז דערווייל געווען אין דרויסען. דורכ'ן פענסטער האב איך געזעהן, ווי ער טרייבט ארויס די קיה פון שטאל—א קוה א שעהנע... באלד קומט ער אריין און זעצט זיך, א לאנגע האלצערנע באנק איז געשטאנען פאר'ן בעט, וואו די קינדער ליגען, זעצט ער זיך. און אזוי פערטראכט, אזוי בלאס האט ער אויסגעזעהן — א רחמנות... אז איך האב אבגעגעסען מאכט ער צו מיר: הער, לאנג זיין דא קענסט דו נישט... און קום מיט מיר — — —

געהען מיר ארויס פון שטוב און מ'געהט.

אין איין עק וועלדעל בלייבען מיר שטעהן און דער ברודער הויבט אן צו וויינען... דערנאך מאכט ער צו מיר: הער מאטעל... שמד'ן — נישט! זיי א יוד... איך בין אויך... זאגט ער און ווייזט מיר אין א שפאלט פון איין אלטען בוים האט ער ליגען א תהילים'ל — — נאר וואס דען, זאגט ער, איך וועל דיך אבשטעלען אין א שטאדט אריין, געבען דיר געלד גענוג, און דו חאפ דיך צו א גרעניץ...

איך בין בעשטאנען און ער הייסט מיך ווארטען אין וועלדעל, ביז

ער וועט אײַנשפּאַנען זײַן פערד און וועגעלע און צופאָהרען נאָך מיר.
דער ברודער איז אַוועק צו דער שטוב און איך בלײַב אַלײן.
זיץ איך אין וואַלד. זיץ, זיץ, און טראַכט וואָס מײַן סוף וועט זײַן.
דערווײַל איז דער ברודער אָנגעפאָהרען און איך זעץ מיך אַרײַן אין וועגעלע און מ'פאָהרט אַוועק קײַן לובלין.

אין לובלין האָט מיר דער ברודער געגעבען צוויי הונדערט גולדען, געזעגענט זיך און אָנגעקושט וויפיעל ער האָט געקענט און איז צוריק אַהיים. איך ווײַטער, קײַן קאָליע-שטריך איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, האָב איך מיך געחאַפּט צו ביסלעך פון אײן שטעדטעל אין אַנדערן. איך בין אַריבער די גרענעץ קײַן גאַליציען...

אין גאַליציען האָב איך מיך געלערנט שמוקלערײַ. ביטער איז מיר געווען און דאָס בענגשאַפט אַהײם ווײסט אײן גאָט אין הימעל... נאָר פערפאַלען, ווײַל אין דער הײם, ווײס איך, איז דאָ אַר' פתחיה... ער קוקט מיך אוים — — קורץ דערפון, כ'האָב מיך אויסגעלערנט די מלאכה און שפּעטער האָב איך חתונה געהאַט. נאָר אײן אומגליק — זי איז אײַן עקרה געווען... אײדער וואָס, אײדער ווען, נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך, איז דערווײַל אַריבער אַ יאָהר פופצעהן זעכצעהן. דערנאָך האָב איך מיך געג'גט, חתונה געהאַט מיט אײן אַנדערע, האָב איך מיך שוין גאָר בעגראָבען. אײַן אַלטע שוין, זי האָט מיך גענאַרט אין די יאָהרען און קײַן קינדער נישט געהאַט שוין... שפּעטער איז זי אפילו געשטאָרבען, נאָר איך בין שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר פינף און זעכציג, שוין גראָהע האָר און אײן אָרעמאַן, ווער וועט מיך שוין נעמען? אַזוי איז מען אײן שוואַלב... שטאָק אַלײן — — האָב איך מיך מישב געווען: וואָס האַלט דאָס מיך צו, איך זאָל זײַן אויף דער עלטער אין אַ פרעמדער מדינה, וואָס, ווען, די קינדער, די אײניקלעך?... זאָל זײַן, זאָג איך, ווי גאָטס ווילען, לאָמיך פאָהרען אַהײם שטאַרבען, אַליץ וועט מען דאָך מיך אַצונד נישט אָבגעבען פאַר אַ זעלנער”...

דער אַלטער האָט אָבגעזיפצט, אַראָבגענומען די אויגען פון ישראל'ן און איז שטיל געבליבען.

אין אַ ווײַלע אַרום טהוט ער זיך פלוצלונג אַ הויב פון געלעגער, קריכט אַראָב, רוקט אַפּער אַ פּאָר שטעק-שיך פון אונטער די באַנק און פון געלעגער אַראָב נעמט ער אויף זיך דאָס היטעל און אַ צעריסענע וואַטענע קאַפּאָטע און וויל געהן

— און דער ברודער — פרעגט ישראל — דער ברודער איז שוין געשטארבען?

— געגעען וואס פרעגסט דו, ישראל?

— קעגען ירושה...

— שוטה... — טהוט דער אלטער א שאקעל מיט'ן קאפ און געמט געהן צו די טהיר.

— וואו געהט איהר, ר' מאטקע — שרייט ישראל נאך

— עה, איך קום באלד אריין...

— אליין, אפשר מיטגעהן?

— ניין, ניין, ישראל'ישי מען דארף נישט...

און ישראל קוקט איהם נאך, ווי ער געהט ארוים פון בית המדרש.

אין דרויסען שיינט די לבנה. ר' מאטקע זוכט עפים ביי דער ערד... ער געפינט א שטיין און טראגט זיך מיט איהם אין מארק אריין. דארט בלייבט ער שטעהן פאר א חורבה מיט צוגעשלאגענע ברעטער איבער די פענסטער — נאר אין דער הויך איז דאס פענסטער'ל פונ'ם בוידעם-שטיבעל אפען געפראלט און קוקט מיט א פינסטערן בליק אין הימעל אריין... די לבנה שטעהט קעגען איבער און קוקט אריין אין דעם חרוב'דיגען פענסטערל ווי אין א פינסטערן לעערן תהום... ר' מאטקע קוקט אויך... שטיל איז ארום, אלץ שלאפט און ר' מאטקע שטעהט און קוקט... די שטערענדלעך קוקען... א שטיקעל וואנט פון אינעווענינג בלייכט זיך פאר דער שטילער לבנה און ר' מאטקע קוקט — — ער געדענקט א העל בעלויכטען פענסטער'ל און ר' פתחיה'ס קול מיט'ן גמרא נגון... ער געדענקט ווי דאס פענסטערל האט אויסגעזעהן די נאכט פון ט"ו כסלו ווען חברה קדושה האט געמאכט סעודות... ער געדענקט עם אויך ביי איין אסיפה...— נאר פלוצלונג טהוט ער א הויב די האנד און אווארף ארויף דעם שטיין — נא, ר' פתחיה! — — —

אין בוידעם חאפט זיך אויף א געקלאגעריי פון קעץ . . . . .

. . . .

א לעצטען פייערדיגען בליק פון נצחון און פעראכטונגווארפט נאך דער אלטער אויפ'ן פענסטער'ל און קעהרט זיך צוריק אום אין בית המדרש אריין. דארט לעגט ער זיך צוריק אויף זיין געלעגער, אטהעמט לייכט אב און פון אלטען גליקליכען הארץ רייסט זיך ארוים: אצונד, גאט, אז איך האב שוין מיין חוב אבגעגעבען, קענסט דו דיינעם שוין נעמען!...